STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04497

DI FROYEN FUN UNZER TSAYT, ODER, FERDINT OYF NADN

Paolo Mantegazza

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פרויען פון אונזער צייט

אדער

פערדינט אויף נדן

פון

פראפ. פ. מאנטאגאצא

איבערזעצט פון

מ. זייפפערט

ס. דאלינסקי
ניו יארק

פערלאג פון

S. KANTROWITZ, 129 Lafayette St., N. Y.

איינינע ווערטער צו די לעזער.

דער פּערפאסער פון דעם דאָזיגען ווערק, דער גרויסער איטאַליענישער פילאָזאָף, דענקער און פאָרשער פּאַאָלאָ מאַנטאַגאַצאַ, וועלכער איז ערשט מיט איניגע יאָהר צוריק געשטאָרבען, איז ניט געווען קיין באַנאַלער ראָמאַנען־שרייבער און האָט ניט געזוכט צו אַמוזירען דעם לעזע־פּובליקום מיט טויזענד און איין עראָטישע דיכטונגען, ווי אַנדערע בעלע־טריסטישע שריפטשטעלער. ער האָט געווידמענט זיין מעכטיגע פעדער אַ העכערען פאַך. אַמוזירען דעם לעזער, האָט ער איבערגעלאָזען פאַר אַנדערע; זיין ציעל איז געוועזען: דעם לעזער נוצען ברייננגען, אויפקלערען און בעלעהרען. יעדע איינציגע ווערק פון פּאַאָלאָ מאַנטאַגאַצאַ, וועגט איבער דעם גרויסען באַרג פון שריפטען, וועלכען די ראָמאַנטיקער פון אַלע צייטען האָבען צוזאַמענגעשלעפּט אויף דעם בעלעטריסטישען פעלד.

דער נאַאיווער לעזער, וואָס בעזיצט ניט די פעהיגקייט צו פערשטעהן דעם ציעל, וועלכען דער פערפאַסער האָט זיך געשטעלט מיט זיין ווערק, וועט געוויס גלויבען, דאָס דער פערפאַסער איז געווען אַ האַרט־געזאָטענער „ווייבער־פיינד“ און די דאָזיגע פיינדשאַפט האָט איהם געטריעבען אויפצודעקען די מאָראַלישע פעהלערען פון די פרויען. אָנהויבענדיג פון די אָרעמע אונגליקליכע, וואס פערקויפט איהר לייב פאַר מאָגערע גראָשענס, און ענדיגענדיג מיט די רייכע, הויכגעשטעלטע און הויכגעבילדעטע פירסטין, וואָס האָט די מאָראַל פון איהר לעקסיקאָן אויסגעמעקט און איז איהר גאַנצעס לעבען געווען אַ פּריעסטערין אין דעם ווענוס־טעמפּעל... דער אינטעליגענטער און פערשטענדיגער לעזער וועט, דאַגעגען, געפינען אין דעם דאָזיגען ווערק די נאַקעטע וואַהרהייט און די אורשפּרינגליכע נאַטור פון דער פרוי ווי זי איז און ווי זי קען גאָר אַנדערש ניט זיין; ער וועט געפינען, אַז אויך די געפאַלענע פרוי קען איהר מענשליכקייט ניט פערלייקענען און אַז אונטער דעם אַש פון גראָבע ליידענשאַפטען און ווילדע טהירישע תאוות, בליצען אַרויס די הייליגע פונקען פון ריינער מענשליכקייט.

מ. זייפפערט.

מ. דאלינסקי
ניו יארק

פאַר צוואַנציג סאַנטים.

ווען דער שטורם האַלט אַן צוויי אָדער דריי טעג און [illegible] אויף דעם ים ביז זיינע טיעפסטע טיפענישען, אייל איך מיך צו געהן צו זעהן און צו סטודירען דעם ווילדען חאַאָס פון די פערשיעדענע זאַכען, וועלכע די שטורעמדיגע כוואַליעם האַבען אויפ'ן ברעג ארויסגעוואָרפען און האַבען פערגעסען זיי צוריק צו נעהמען.

עס איז אַ ווילדער חאַאָס, אָבער ניט יענער פאַרפּלאָנטעטער חאַאָס, וואָס האָט געהעררשט אויף אונזער וועלט, בעפאָר זי איז פון דעם שעפּפערס האַנד ארויסגעקומען, אין יענעם חאַאָס, אין וועלכען די פרוכטבאַרע קראַפט און די קערנער פון אַלגעמיינעם לעבען זיינען שוין געלעגען; עס איז נאָר יענער ווילדער חאַאָס, וועלכען אונזער פּלאַנעט האָט דורך דעם שטויס פון אַ קאָמעט בעקומען. אין יענעם חאַאָס זיינען שוין געלעגען האָפנונגען און פערשפּרעכונגען פאַר דער צוקונפט, אין דעם חאַאָס, וואָס ליעגט פאַר מיינע אויגען, זעה איך נאָר פערניכטונג און צערשטערונג.

דאָרט אויפ'ן ברעג פון ים האָבען דריי קעניגרייכען פון דער נאַטור אַ פאַרפּלאָנטערטען הויפען פון חורבות ארויסגעוואָרפען: ברעקלאַך פון קוקורוזע ליעגען איינג צוזאַמען מיט דער פעל פון אַ קאַטץ; די טאָוולען פון אַ בוך צוזאַמען מיט אַ צוקאַליעטשעטען ראַק; בלעטער און צווייגען צוזאַמען מיט ארויסגעריסענע בלומען צוזאַמען מיט די שערבלאַך פון די טעפּ און גלעזער, אין וועלכע זיי זיינען איינגעפלאַנצט געוועזען; אַ מישמאַש פון טויטע זאַכען, וואָס פערלאַנגען בעערדיגט צו ווערען, כדי די וועלט זאָל זייער שאַנדע ניט זעהן: מיט איין וואָרט, אַ בית־עולם, וועלכען אַן ערד־ציטערנים האָט אויפגעגראָבען.

אין גאַנצען איז דאָס אַ טויטע שווייגעדיגע וועלט, און ווען יעדער איינער פון די דאָזיגע ברוכשטיקער וואָלט אייך געקענט דערצעהלען זיין פערגאַנגענע לעבענס־געשיכטע, וואָס פאַר אַ מענגע

פון שמערצען, פון פערלארענעם גלויבען, פון פערשוואונדענע האפ־
נונגען, וואלט ער אייך געקענט דערצעהלען!

אבער די געזעלשאפט, אין וועלכע מיר לעבען, דערלעבט יעדען
טאג אזעלכע האטישע חורבנות; און וויפיעל צובראכענע גליעדער
פון אונזערע מיטמענשען געפינען מיר טאג־טעגליך אויף דעם ברעג
פון אונזער סאציאלען לעבען, פון וועלכען קיינער וועט שוין ניט
געניסען דעם רויש פון פרייליכען לעבען, וויפיעל בלעטער זיינען
אבגעריסען פון דעם בוים, וואס האט זיי געגעהרט און געשפייזט,
יענע, וואס קענען שוין מעהר ניט טרינקען דאס ליכט פון דער
זונן; וויפיעל שיפברוכיגע זיינען דאס, וועלכע שרייען אומזיסט
מען זאל זיי העלפען, מען זאל זיי א הילפסרייכע האנד אויסשטרע־
קען! אויך איך האב מיט אזוי פיעל טרויער און שמערץ אין א
גרויסע שטאדט אין איטאליען איינע פון יענע מענשליכע רואינען
געזעהן.

די עלעקטרישע אייזענבאהנען, די וועלאסיפעדען (בייסיקלאך)
און די אויטאמאבילען, זיינען דאמאלס נאך ניט געבארען געוועזען,
און ווער עס האט ניט געוואלט געהן צו־פוס, אדער ער איז צו ארעם
געוועזען, אום זיך א דראשקע צו נעהמען, פאר דעם האבען נאר
אמניבוסען עקזיסטירט, בירגערליכע, גוטמוטהיגע, ביליגע פוהרען,
וועלכע זיינען געשטאנען אפען פאר אלע קעשינעם און האבען אלע
קלאסען מענשען האטש פאר עטליכע קורצע מינוט פולע גלייכ־
הייט געגעבען.

די דאזיגע אמניבוסען פאהרען אללע צום איינציגען מיטעל־
פונקט, דעם הויפט־פלאטץ פון דער שטאדט, צו וועלכען די ריי־
זענדער שטרעבען מיט גרויס לוסט ווי די מוראשקעס צו דער נבלה
פון א טויטע פליעג: דא איז דער טומעל־פלאטץ פאר צייטונגס־
פערקויפער, וויעדערפערקויפער פון וועקסענע שוועבעלאך און פון
ביליגע פאטאגראפישע בילדער; דא אפערירען אין גרויסען מאס־
שטאב די קעשינע גנבים, און דא קומען צוזאמען די נייניערינע,
וואס זוכען די בעריכטען פון די נייעסטע שטאדט־נייעס.

אונטער דעם דאזיגען פאלק פון יעדען עלטער און יעדען גע־
שלעכט, איז מיר שטענדיג אויפגעפאלען א מענשליכע בעשעפעניס.

פון וועלכע איך האב פון איהר קליידונג געמוזט אננעהמען, אז דאס איז א ווייב, אבער ווייל זי האט ניט געהאט קיין שעהנהייט און קיין אנמוטה, האט זי נאר מיט איהר אויסזעהן געקענט ערוועקען יענעם קאמפליצירטען געפיהל, וואס איז צוזאמענגעזעטצט פון רחמנות און עקעל.

זי האט אויסגעזעהן ווי א פערציג־יאהריגע פרוי, אבער מען האט געקענט אננעהמען, דאס זי איז שוין זעכציג יאהר אלט, און אויך פון דעם קאליר פון איהרע האאר, האט מען קיין ריכטיגע דיאגנאזע ניט געקענט מאכען, ווייל איהרע האאר זיינען ניט שווארץ און ניט וויים געווען. שטויב און שמוטץ האבען דעם ריכטיגען פארב פון איהרע האאר פארדעקט, און ווער וויים וויפיעל טעג און מאנאטען זי האט זיי ניט געקעמט. זיי זיינען קיינמאל מיט א הוט, אדער מיט א טוך בעדעקט געוועזען, ניט אין זומער, ווען די זון האט געשיינט, אויך ניט אין רעגען, און אויך ניט אין ווינטער, ווען שנעע איז אויף זיי געפאלען.

מיט יענעם שמוטציגען און ניט־געקאממטען בארג האאר, האט אויך איהר קליידונג הארמאנירט. אויך איהרע קליידער האבען קיין פארב ניט געלאזט דערקענען. שטויב און שמוטץ האבען זייער אורשפרינגליכע פארב אויסגעלאשען. מען האט אויף זיי געזעהן דעם מישמאש פון גרויע טאגען און פלעקען. עס איז אויך שווער געוועזען צו דערקענען דעם פארטוך, וועלכען זי האט איבער איהר קלייד געטראגען. אין דעם דאזיגען פארטוך זיינען אויסגענייהט געוועזען צוויי קעשינעס, אין וועלכע זי פלעגט בעהאלטען דעם סאלדי (א קליינע איטאליענישע מטבע), וועלכען זי פלעגט בעקומען דורך דער מיטלייד פון א שטאדט־בירגער, אדער דורך איהר אייי־גענע צודרינגליכקייט.

אויך זי האט געהאט א פנים מיט מיענעס און א פיגור, אבער ווען מען האט דעם געפיהל פון עקעל ארונטערגעווארגען און מען האט זי בעטראכט, האט מען איהר געניי ניט געקענט בעשטימען, אזוי אונדייטליך און ניט קלאר איז אלעס אויף איהר געוועזען. פון איהר קליידונג, פון איהר פיגור, פון איהרע בעוועגונגען, פון איהר שטימע און פון דעם גאנצען חורבן פון איהר מענשליכעם וועזען,

האָבען נאָר צוויי ווערטער גערעדט: ש מ ו ט ץ און ע ל ע נ ד. און דאָך פלעגט זיריידען און האָט אפילו מוטה געהאַט צו לאַכען; אַ שרעקליכע קאַריקאַטור פון אַ מענשען אונטער די מענשליכע פעהיגקייט געפיהלען און נייגונגען אויסצודריקען.

איהר שטימע איז נאָך פיעל עקעלהאַפטיגער פון איהר פיגור געוועזען, פיעל העסליכער פון איהר קלייד. איהר קול האָט געקלונגען רוי און הייזעריג און כמעט חליפּענדיג ווי דער טיק־טאַק פון אַן אַלטען אָרגעל. ווער עס האָט זי געהערט, האָט ניט געהאַט קיין אַנדערן וואונש ווי נאָר זי צו בעטען זי זאָל שווייגען. יעדער דאָקטאָר, וואָס האָט זי געהערט, האָט באַלד געוואוסט, דאָס איהרע שטים־אָרגאַנען זיינען שוין יאָהרענלאַנג אָנגעגריפען פון יענער שרעקליכער און שענדליכער קראַנקהייט, וואָס ווערט געבאָרען אויף די פעלדער פון ליעבע און פיהרען צו אַ שרעקליכען טויט. איז דאָס ניט אַ גרויזאַמע איראָניע פון דעם מענשליכען שיקזאַל, דאָס אויך די דאָזיגע ווייבליכע אויסוואורף האָט אַמאָל געליעבט? זי האָט געליעבט און די ליעבע האָט זי בעפלעקט, און זי אַליין האָט דאַן ווער ווייס וויפעל אייטערדיגע וואונדען אין דעם פלייש פון די מענער איינגעגראָבען.

און דאָך האָט זי נאָך געקענט לאַכען. זי האָט תמיד געלאַכט אָדער געשמייכעלט מיט איהר רויהע און הייזעריגע שטימע, ווען זי האָט אַ פאָרביי־געהער אָנגעבאָטען ביי איהר צו קויפען אַ שאַכטעל שוועבעלאַך, וועלכע זי האָט געטראָגען אין אַ קעסטיל צוגעבונדען מיט אַ שנור צום האַלז, אַ קעסטיל, וואָס איז געווען אַזוי אַלט, אָבגענוטצט און צובראָכען ווי איהרע קליידער און ווי איהר געזיכט.

נאָך ווילדער און משונה'דיגער פלעגט זי לאַכען, אָפטמאָל זיך גאָר קאַטשען פאַר געלעכטער, ווען די קאָנדוקטאָרען פלעגען איהר שליידערען אין פנים די גרעבסטע און שמוטציגסטע ווערטער, מיט וועלכע דער טאָסקאַנישער דיאַלעקט איז אַזוי רייך, אָדער ווען זיי פלעגען איהר באָמבאַרדירען מיט קלעפּ אין קאָפּ, מיט רוקעס אין די זייטען, אָדער מיט אַ פוס־טריט, יעדער איינער נאָך זיין שטימונג אין דעם מאָמענט. ווען זי פלעגט לאָזען הערען איהר ווילדען געלעכטער, פלעג איך אין מיר פיהלען אַ שוידער און אַ ווייטאָג;

ווייל יענער משונה'דיגער געלעכטער האט מיר געשיינט פיעל מעהר אלס א קאנוואולסיווישעס לאכען: איך האב אין איהם געהערט א ווילדע חליפעריי, און איך פלעג מיך פרעגען, אויב דער גרויסער דיכטער דאנטע וואלט אזא געלעכטער בעסער ניט צוגעפאסט פאר זיין גיהנום, אלס פאר א געזועלשאפט פון מענשליכע בעסטיען, וואס האבען זיך געשאפען א פאראדיז פון אויסגעלאסענהייט און מאראַלישער געזונקענהייט.

אבער ניין! איהר לאכען געהערט בעסער אין יענעם „פאראַדיז", איידער אין גיהנום; דען יענע קערפערליכע און מאראלישע רואינע איז גליקליך געוועזען איבער א גאנצעם לעבען. וואס איז פאר איהר פון פערשיעדענע אומשטענדען געשאפען געווארען, א פאראדיז, אין וועלכען זי האט געקענט לעבען און נעקענט בעגרייפען.

איך האב ערפאהרען און געשטודירט איהר לעבענס-געשיכטע, און איך קען פערזיכערען, דאס זי איז גליקליך געוועזען. די וואנצען לעבען גליקליך אין די שפאלטען פון די שמוטציגסטע בעטען און די פרייסלאך לעבען צופריעדען אין דעם שמוטץ פון אונזערע הייזער. יענע פרוי האט פון איהר פריהעסטער יוגענד אן געלעבט אין דער בלאטע פון די גאסען און האט זיך פון בלאטע גענעהרט.

זי האט ניט געוואוסט וועמעס טאכטער זי איז, זי האט נאר געוואוסט, דאס אין איהר ערסטע יוגענד האט זי געלעבט מיט א פרוי, וואס איז ניט איהר מוטער און וואס פלעגט איהר שיקען אויף דער גאס בעטען נדבות און צוזאמענקלייבען די שטיקלאך פון אוועקגעווארפענע ציגארען. אבער דאמאלס איז זי א שעהנע גע־וועזען און אויף דער גאס האט זי געלערנט, דאס א ווייב, אויך ווען זי איז נאך א קינד, און ווען זי איז ארעם און שמוטציג, בע־זיצט אין זיך דאס, וואס דעם מאן געפעלט, און דארום האט זי, נאך איידער זי איז א צייטיגע ווייב געווארען, איהר שעהנהייט און איהר לייב פאר קליינע מטבעות פערקויפט, א „געשעפט", וואס האט איהר איינגעבראכט מעהר פראפיט, אלס פון בעטלען און אוועקגעווארפענע שטיקלאך ציגארען קלייבען; א „געשעפט", דורך וועלכען זי פלעגט זעהר אפט מוזען זוכען הילף אין די האספיטעלער,

וואוהין זי פלעגט ברייגנען יענע קראנקהייטען, וועלכע די מענער גיבען די פרויען אלס צוגאָב פאר די בעצאָהלטע ליעבע...

שפּעטער האָט זי זיך פון איהר „בעשיצערין" אָבגעזאָגט. יאהרענלאנג איז זי אָנגעוויעזען אויף זיך אליין. זי איז פריי און קען האנדלען נאָך איהר אייגענעם ווילען. צום שיין פערקויפט זי וועקסענע שוועבעלאך און איז די ווייב פון אלע מענער, וואס בענעהרען זי.

זי האָט ליעב דעם טרונק, אבער זי האָט אויך ניכטערע מאָ־מענטען, און אין די דאָזיגע ניכטערע מאָמענטען דערמאָנט זי זיך. דאָס א יאהר לאנג האָט זי געהאט א געליעבטען, א יונגען קעשינע־גנב, וועלכער האָט זי אמת געליעבט און האָט איהר מיט דעם לוקסוס פון א בעט צום שלאָפען פערזאָרגט. שלאָפען אין א בעט ווי אלע אנדערע מענשען, איז פאר איהר געוועזען די איינציגע „נאָשעריי" וואָס זי האָט א יאהר צייט פאר איהר גאנצעס לעבען גענאָסען. עס האָט זיך אבער געמאכט, דאס דער געליעבטער האָט איהר מיט א שוועבעלאך־פערקויפער אין בעט געפונען. ער האָט זי אזוי שטארק געשלאָגען און צוקאליעטשעט, דאס זי האָט געמוזט זוכען הילף אין א האָספּיטאל, און דאס איז געווען דער איינציגער מאָל, וואס זי האָט זיך געלאָזט קורירען ניט פון אן אנשטעקענדער קראנקהייט.

איצט שלאָפט זי די נעכט אונטער א טרעפּ, אָבער דער פּלאַץ איז ניט איהר שטענדיגע רעזידענץ. אָפּטמאָל פערברייגגט זי די נעכט אין א שטאָל, אדער אויף א בוי־פּלאַץ.

אין די דאָזיגע פלעצער פערקויפט זי איהר לייב. איהר טאַ־ריף איז ניט זעהר הויך, נאָר צוואנציג איטאליענישע סענטעסימי (פינף אמעריקאנישע סענט). זי וויים, אז פיעלע פון איהרע קאָנ־קורענטקעס פערקויפען דיזעלביגע „סחורה" נאָך ביליגער, אבער זי גלויבט, אז זי האָט א העכערען ווערטה און אויך אין דעם מענש־ליכען זומפּ וויל זי זיך האלטען מיט א געוויסע פאָרנעהמקייט. און ניט גראדע פאר קלינגענדען געלד פערקויפט זי איהר ארטיקעל; זי טהוט עס אויך פאר צוויי גלעזלאך שנאפּס אדער קאָניאַק און קיינ־מאָל ניט ביליגער פון צוואנציג סענטעסעמי. עס איז אמת, אז צו די צוואַנציג סענטעסימי פלעגען איהר איהרע ליעבהאבער געבען

א „צוגאַב“ אין דער געשטאַלט פון אַ בריק אין זייט, אדער אַ זעץ אין די צייהן, אבער דער דאָזיגער „צוגאַב“ איז געווים געוועזן דער רעזולטאַט פון שאנדע, וועלכע זיי האָבען געפיהלט ביי דעם געדאנקען, דאס זיי האָבען פערלאנגט די אומארמונג פין דער דאָזיגער פרויען־רואינע. עס איז אויך אמת, אז מען פלעגט פון איהר פערלאנגען די אָפּפער פון איהר ליעבע אין אַ פינסטערען קאָרידאָר, אין אַ שמוטציגען קעלער און אין אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט; אָבער דאָס איז איינמאָל געוועזען איהר פראָפעסיאָן, פון וועלכער זי האָט געלעבט, און זי האָט גוט געוואוסט, אז די אָרעמע ארבייטער־מיידלאך, וואס ארבייטען מיט שוויים צעהן־צוועלף שטונדען אין טאָג, אום זייער ברויט צו פערדיענען, זיינען פיעל אונגליקליכער פון איהר.

אלע איהרע קונדען פלעגט זי נאָר פינף מינוט צייט געבען און אלעמען אין איין מאָס, ווייל זי האָט אין די האָספּיטעלער גע־לערנט צו וויסען די שרעקען און די געפאהרען פון דער סיפילים־קראַנקהייט און האָט געלערנט ווי זיך געזונד צו האלטען פון דער דאָזיגער פערניכטענדער קראַנקהייט. און אין לעבען האָט זי זיך געפרייט מיט דער פרייהייט פון דער גאַס, מיט דעם בלויען הימעל און מיט די שטענדיגע בעוועגליכקייט אין דער גרויס־שטאָדט. נאָך מעהר, אויף דער גאַס פלעגט זי געפינען די אוועקגעוואָרפענע שטיקלאך ציגארען, מיט וועלכע זי פלעגט זיך רויכענדיג בערוישען, וואָס פלעגט איהר הינדערען איהר לאגע צו פערגלייכען מיט דער לאגע פון אנדערע, גליקליכערע פון איהר, און בעקלאָגען איהר קער־פערליכען און מאָראלישען חורבן.

מעהר ווי איינמאָל האָב איך געטראַכט איהר פון דעם שמוטצי־גען זומפּ ארויסצוציהען און איהר איבערגעבען צו איינע פון יענע בראווע און גוטע פרויען, וועלכע זוכען די דאָזיגע רעגען־ווערים מיט דער האָפנונג זיי צו פיש אדער צו יאשצירקעס, צו בעקעה־רען; נאָך מעהר שטארק איז דער דאָזיגער פערלאנג אין מיר גע־וואָרען אין א געוויסען טאָג, ווען איך האָב געזעהן, ווי זי איז צור־געגאנגען צו א יונגען אינגעל, וואס איז געשטאנען וויינענדיג אויף דער גאַס, ווייל איהם האָט פאסירט דאָס אונגליק צו צוברעכען

א פלאַש וויין, וועלכע ער האָט אהיים געטראָגען און האָט גע־וואוסט אויף זיכער, דאָס דער שאָדען וועט איהם איינברייגנען א גאנצע מאסע הארטע קלעפּ פון די, וואָס האָבען איהם געשיקט דעם וויין ברייגנען.

און די דאָזיגע אויסוואורף פון דער מענשהייט, די דאָזיגע שרעקליכע פרוי, פון וועלכער איך דערצעהל אייך, אין וועלכע, ווי עס האָט געשיינט, איז יעדער פונק פון מענשליכקייט שוין לאנג אויסגעלאָשען געוואָרען, איז צוגעגאנגען צו דעם אונגליקליכען איינגעל, וועגען וועלכען אלע ארומיגע מענשען האָבען זיך ניט געקי־מערט, האָט איהם געגלעט און געטרייסט, און אלס זי האָט פון איהם ערפאהרען דעם גרונד פון זיינע ביטערע טרעהרען, האָט זי פון איהר שמוטציגען פארטוך ארויסגעוויקעלט א גאנצע לירע (20 איטאַליענישע סאָלדי, אונגעפעהר א דייטשע מארק), וואהרשיינ־ליך די איינציגע, וואס זי האָט געהאט, האָט עס איהם דערלאנגט און האָט צו איהם געזאָגט: „נעהם עס, אינגעלע! דאָס איז מיין גאנצער פערדיענסט פון היינטיגען טאָג, געה און קויף אן אנדער פלאַש וויין" — דאָס געזיכט פון דעם אינגעל האָט אין פרייד אויפ־געשטראהלט און ער האָט איהר אין אזא טאָן געדאנקט, וואָס האָט מיך טיעף אין הארצען געריהרט און האָט אויף דעם פּנים פון דער „אויסוואורף" אזא שמייכעלע ארויסגערופען, וועלכען איך האָב אין מיין לעבען קיינמאָל מעהר ניט געזעהן.

זי איז אלזאָ אין ג א נ צ ע ן ב ל אָ ט ע נאָך ניט גע־וועזען, זי איז נאָך געוועזען א פ ר ו י, א בעשעפעניס, אין וועלכער דער הייליגער מ ו ט ע ר ־ ג ע פ י ה ל איז נאָך געלע־גען פערבאָרגען, יענער געפיהל, וועלכען קיין פרוי, אין וועלכער לאַ־גע און אין וועלכע אומשטענדען זי זאָל ניט זיין, קען ניט פער־ליערען; ווייל דיעזער געפיהל ליעגט אין יעדען בלוטס־טראָפּען פון דער פרוי, אין יעדען קנאָכען פון איהר סקעלעט, אין יעדען אָדערעל פון איהרע מוסקעלען. די פרוי איז און בלייבט תמיד מ ו ט ע ר, אויך דאן, ווען זי שטעהט ביז'ן האלז אין דעם לעבענס־זומפּ. וואשט מען אָב פון איהר דעם שמוטץ, שיינט פון איהר ארויס דער ברי־ליאַנט.

א ליעבעס־פערקויפערין.

דער איז געוועזען יונג און שטארק, און אויסער אלע אנדערע בעדירפניסע פון הארץ און געדאנקען האט ער נאך געהאט א ליידענשאפט, וואס איז ביי איהם שטארקער געוועזען פון אלע אנדערע תאוות, יענע תאוה, וועלכע אונזער בירגערליכע געזעלשאפט בעפריעדיגט נאר דורך א ג ע ז ע צ ל י כ ע הייראט. גנב'ענען די ליעבע פון א פרוי, האט ער געהאלטען פאר אזא פערברעכען ווי ערמארדען דעם אייגענעם פאטער, און פערפיהרען אן אונשולדיגע מיידעל, האט ביי איהם ארויסגערופען אזא שוידער, פונקט ווי מען וואלט איהם געהייסען דערווערגען א מענשען. לעבענדיג מיט אזעלכע מאראלישע פרינציפען, האט ער זיך געמוזט אונטערווארפען אונטער דער מאכט פון יענע געזעצען און בעשטימונגען, וואס רעגיערען איבער דער מענשהייט מיט א היבשע פארציאן פאלשקייט און רמאות.

ווי אלע זיינע חברים און פריינד, פלעגט ער אויך געהן אין יענע הייזער, אין וועלכע מען פערקויפט די „ליעבע“ נאך א געוויסען מקח און נאך א געוויסע מאס, און פלעגט דערביי פיהלען בושה און חרפה גלויבענדיג, אז ער בעליידיגט די נאטור; דען די נאטור האט די ליעבע צום שעהנסטען און העכסטען גענוס געשאפען, און די מענשען, מיט זייערע איינריכטונגען, האבען פון איהר אן עקעלהאפטע קאריקאטור געמאכט.

איינמאל, גאנץ שפעט אין דער נאכט, זיך פארזיכטיג ארומקוקענדיג נאך אלע זייטען צו זעהן אויב עפעס א בעקאנטער זעהט איהם, איז ער אריינגעקומען אין איינע פון יענע פינסטערע געסלאך, וואו דער מענש, אהן א שום סימפאטיע, וואס ערוועקט ליעבע, און אהן א ווארעמען הערצשלאג צו א געליעבטעם וועזען, ווערט נאר א „ער“, וואס זוכט א „זי.“

אין איינע פון יענע בעקאנטע הייזער קלינגט מען אן — דער

קלאנג קלינגט ווי געוואָרגען און הייזעריג, פונקט ווי ער וואָלט זיך געשעהמט זיין ריינעם טאָן צו לאָזען הערען — און אלטע פרוי, וואָס האָט שוין לאנג יעדע פעהיגקייט זיך צו שעהמען פער־לאָרען, עפענט די טהיר, וועלכע איז בעשלאָגען מיט אייזערנע שטאַבעס, אום צו פערהיטען דאָס איינדרינגען פון שכורים און סקאנדאַליסטען אין דעם „ליעבעס־טעמפעל", און לאָזט דעם קליענט אריינקומען. ער שעהמט זיך אריינצוקומען אין דעם „סאַלאָן", וואו די קויף־ארטיקלען זיינען אויסגעשטעלט, און ווייל ער שעהמט זיך און וויל פון זיך זעלבסט אנטלויפען, זוכט ער זיין וויזיט פון אלע אנדערע אין דעם הויז צו פערבאָרגען. ער בעט די אלטע פרוי, זי זאָל פאר איהם אויסקלייבען אן „ארטיקעל" נאָך איהר געשמאק, און זי, די אלטע, וואָס האָט שוין ווער ווייס אין וויפיעל שאנד־הייזער אלס דיענסט געדיענט, טהוט עס גערן.

דער יונגער מאַן ווערט אריינגעפיהרט אין אַ קעמערל, וואָס צייגט אויפ'ן ערסטען בליק, אז דער אייגענטהימער, אדער די אייגענטהימערין, פון דעם געשעפט, היטען אלע כללים פון עקאָנאָמיע און שפּאַרזאַמקייט. זיי ווייסען זעהר גוט, אז די קליענטען, וואָס קומען אהער, דארפען שוין ניט די רייכע מעביל און די שעהנע אויסשטאַטונג, אום זייערע חושים צו קיצלען און וועקען. אויסער אַ בעט, זעהט מען אין די דאָזיגע קעמערלאך קיין פּראכט און קיין גלאַנץ.

דער שעהמעוודיגער יונגער מאַן האָט זיך אלץ מעהר און מעהר געשעהמט. אויף דעם וועג פון דער גאס צו דער אייזערנער טהיר, דער הייזעריגער קלאנג פון דעם גלאָק, און פון דאָרטען דורך איינגע קאָרידאָרען און געהענדיג איבער די לאַבירינט־געבויטע טרעפּ, דאָרטען, וואו די אטמאָספּערע איז אָנגעפילט מיט דעם בערויי־שענדען פארפום פון זאַט־בעפריעדיגטער מענער־תאוה — האָט זיך דער געפיהל פון שאנדע אלס איינגער און שווערער אויף זיין קאָפּ און אויף זיין גאנצען לייב אוועקגעליינט. דער דאָזיגער שאנדע־געפיהל איז אין איהם אלס שטאַרקער און געדיכטער געוואָרען און האָט פון איהם אַ הייסען שוויים ארויסגעפּרעסט. אין אזא פלאַץ און אין אזא מאָמענט פיהלט דער אנשטענדיגער און מאָראַלישער

מענש ווי די גראָבע טהיערישע ליידענשאפטען ווערען אין איהם אויסגעלאָשען. דער מענש, וואָס האָט אין דער ריינער ליעבע די שעהנסטע און פּרעכטיגסטע בלום געזעהן, זעהט זי דאָ פערזונקען און בעשמוצט אין יענעם עקעלהאפטען זומפּ, וואס איז פון טויזענד שאנדען געשאפען.

ווען דער איינציגער און קליינער פענסטער פון דעם דאָזיגען קעמערל וואָלט געווען א טהיר, וואָס פיהרט צום גאס, וואָלט דער יונגער מאן דורך איהר געווים פערשוואונדען.

אבער אין דער צייט, ווען ער האָט זיך מיט זיינע טרויעריגע געדאנקען בעשעפטיגט און האָט חרטה געהאט וואָס ער איז אהער געקומען, אנשטאט זיך צו פרייען מיט דעם נאָהענטען „גליק“. איז אין דער קעמערל אריינגעקומען א יונגע און א שעהנע פרויענצימער, האָט איהם בעגריסט און האָט איהם פריינדליך צוגעשמייכעלט.

ער ענטפערט איהר ניט אויף איהר גרוס און אויף איהר פריינדליכען שמייכעל, ווי דאָס טהוען אלע אנדערע „קליענטען“, און זי וואגט נאָך ניט, ווי זי טהוט עס מיט אנדערע, זיין האלז מיט איהרע ארעמס ארומצונעהמען, אום דאָס „געשעפט“ וואָס גיכער אָבצופאַרטיגען, ווייל דער כלל פון „טיים איז מאָני“ *) ווערט אין די דאָזיגע הייזער פיעל שטריינגער דורכגעפיהרט ווי אין אלע אנדערע געשעפטען.

די דאָזיגע פרויענצימער איז זעהר אינטעליגענט, און ווען די אלטע געשיכטע פון פערפיהרונג, פון אנטלויפען פון איהרע עלטערען, פון הונגער, א. ז. וו., וואָלט ניט געווען דער צווינגענדער מאָטיוו, וואס האָט איהר אין די ארעמס פון פראָסטיטוציאָן געווארפען — האָט זי געקענט פארנעהמען אן עהרענפולע שטעלונג אין דער בירגערליכער געזעלשאפט, און אפשר אויך א וויכטיגע שטעלונג אין העכערע קרייזען. איצט איז זי נאָר אן איינפאכע פּראָסטיטוטקע, וואָס פערקויפט טאָג־טעגליך איהר לייב פאר ברויט,

*) צייט איז געלד.

אום צו האָבען א בעט און קליידונג, וועלכע זי בעקומט פון דער קאַרגער אייגענטהימערין פון דער הויז.

ווייל זי איז אינטעליגענט און ווייל זי האָט שוין די זיטען און די געפיהלען פון א גאַנצען לעגיאָן מענער קענען געלערנט, בעטראַכט זי מיט גרויס נייגיערדע דעם נייעם יונגען קליענט, אויף וועמעם געזיכט זי זעהט א גאַנץ נייעם אויסדרוק, אַן אויס־דרוק, וואס איז איהר ביז היינט גאַנץ אונבעקאַנט געוועזען. זי קען זעהר גוט דעם שרעק פון די יונגע מענשען, וואָס קומען צו איהר די ערסטע „ליעבעס־לעקציאָן" צו נעהמען; זי קען אויך זעהר גוט דעם שרעק פון די אַלטע בעלי־עבירות פאַר דער שאַנדע אויס־געלאַכט צו ווערען; דער אבער, וואָס שטעהט איצט פאַר איהר, איז ניט קיין אינגעל און קיין אַלט־שוואַכער גרייז. וואָרום בע־טראַכט ער זי אָהן א שום תאוה און אויך אָהן אַן אויסדרוק פון עקעל? זי קען זעהר גוט דעם אויסדרוק פון עקעל און פעראַכטונג; זי קען זעהר גוט די מענער, וואָס שפּייען און טרעטען מיט די פיס דעם אַראַנזש, וועלכען זיי האָבען מיט עטליכע מינוט פריהער אויסגעזויגען. ניין, דער יונגער מאַן האָט ניט קיין תאוה, זי עקעלט איהם ניט און ער פעראַכטעט זי ניט. ער שעהמט זיך נאָר פאַר זיך און פאַר איהר, און נאָכדעם ווי ער האָט איהר א היבשע ווייל בעטראַכט, זאָגט ער צו איהר:

— אָבער דו ביזט קראַנק, דו פיהלסט זיך ניט גוט, גיב מיר דיין האַנד...

זי גיבט איהם איהר האַנד.

— דו פיעבערסט.

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס?

— איך בין א דאָקטאָר, און גלייך ווי איך האָב דיך דער־זעהן, האָב איך דערקענט, אז דו ביזט ניט געזונד.

— יאָ, עס איז אמת, אבער ניט אויף דער קראַנקהייט, וועל־כע דו מיינסט. פון יענע קראַנקהייט בין איך פאָלשטענדיג פריי. איך בין נאָר מיד, שרעקליך מיד. היינט האָב איך געהאַט „אר־בייט" איבער'ן קאָפּ. דו מוזט דאָך וויסען, אז א נייער רעגימענט כאַלדאַטען איז אין שטאָדט אַנגעקומען, און די אָפיציערען... נאַ, דו

פערשטעהסט האך געווים, וואס איך מיין... נו, קום אהער צו מיר, פאר דיר בין איך ניט קראנק, דו געפעלסט מיר זעהר גוט...

— ניין, מיין ליעבע, איך וועל דיר בעצאהלען פאר מיין בע־זוך, אבער איך וועל דיך ניט אנריהרען. דו ביזט ניט אין גאנצען געזונד, דו דארפסט רוה׳ האבען.

די ליעבעס־פערקויפערין האט זיך צולאכט. דאס איז גע־ווען א געלעכטער, אין וועלכען עס האבען געקלונגען די טאנען פון איראניע, ציניזמוס און פעראכטונג, דאן האט זי צו איהם גע־זאגט:

— איך דארף רוה האבען — אך יא, איך דארף רוה האבען! מיר זיינען פערקויפטעס פלייש און מוזען ארבייטען אזוי לאנג ווי מיר קענען זיך האלטען אויף די פיס. קום, קום אהער צו מיר, דו ביזט א גוטער, דו ביזט אן איידעלער, דו בעליידיגסט מיך ניט, איך נעהם דיך זעהר גערן.

— ניין, ניין, מיין ליעבע, איך גריס דיך און געה.

— אלזא, הער מיך אוים צום ווייניגסטען! דו ביזט א דאק־טאר, דו ביזט הערצענסגוט, טהו מיר דעם געפאלען. זוך אונטער די ארעמע דיענסט, זי האט אן אפענע וואונד אויפ׳ן פוס און האט מורא די וואונד צו ווייזען די אייגענטהימערין פון הויז, ווייל זי וועט איהר באלד פון הויז ארויסיאגען. זאל איך זי אריינרופען?

די אלטע דיענסט איז געקומען, דער יונגער דאקטאר האט די וואונד אונטערזוכט, האט איהר פערשריעבען א רעצעפט און האט איהר פינף לירע געשיינקט, זי זאל האבען מיט וואס די מעדיצין צו קויפען.

די ליעבעס־פערקויפערין איז פון זיין גוטסקייט ביז טרעהרען געריהרט געווארען און האט זיך איהם אויפ׳ן האלז געווארפען.

— איך וויל דיר א קוש געבען, מיין ליעבער. ווי גוט דו ביזט...

אבער ווי דערשראקען איז זי פון איהם צוריק אבגעשפרונגען און האט אויסגערופען:

— ניין, פערצייה מיר! איך בין ניט ווערטה דיך צו קושען, איך, וואס פערקויף מיינע קושען פאר געלד.

זי האָט דאָס ארויסגערעדט און האָט אין א היסטערישען גע־וויין אויסגעבראָכען.

דער יונגער דאָקטאָר האָט זי ארומגענומען מיט ביידע ארעמס און האָט איהר געקושט אויפ'ן שטערן, געווים די איינציגע שטעלע, אויף וועלכער קיין בעזובער האָט זיינע ליפען צוגעדריקט.

— דו פערדיענסט ניט אין דעם הויז צו פערבלייבען — האָט ער צו איהר געזאָגט — אויך דו ביזט גוט און איידעל. דו קענסט זיין די געטרייע פרוי פון א מאן און די מוטער פון א שעהנעם קינד.

— צו שפעט, צו שפעט, מיין ליעבער! איך מוז דאָ בלייבען כל זמן איך בין יונג; שפעטער וועל איך געהן אין א הויז, אין וועלכער די ליעבע ווערט פערקויפט מיט ביליגערע פרייזען; נאָך שפעטער וועל איך ווערען א דיענסט אין אזא הויז און צום סוף וועל איך שטארבען אין א האָספיטאל... אבער הער מיך אוים! גלויב ניט, דאָס איך פיהל ניט דאָס בעדירפניס געליעבט צו זיין און צו ליעבען. אויך איך האָב א געליעבטען. איך האָב איהם דאָ אין הויז קענען געלערנט, מיין ליעבע צו איהם איז שוין צוויי יאהר אלט, ער איז געווען דער ערסטער און צוגלייך דער לעצטער מאן, וועלכער האָט מיך אָהן פעראכטונג געקושט. ער איז גע־ווען אן ארבייטער אין אן אייזען־גיסעריי, אבער ניט אזא פראָסטער ווי אנדערע ארבייטער. ער רעדט זעהר פיין, ער לעזט ביכער און פלעגט מיר אויך ביכער ברייגגען. שוין ביי זיין ערסטען בע־זוך האָט ער מיך ליעב בעקומען און פלעגט יעדען זונטאָג צו מיר קומען. שוין אין אָנפאנג האָב איך קיין געלד פון איהם ניט גע־וואָלט אָננעהמען און פלעג זיין יעדען בעזוך דער אייגענטהימערין פון הויז מיט מיין אייגענעם געלד בעצאָהלען, ווייל זי צעהלט די בעזוכער פון יעדער מיידעל און לאָזט ניט צו, אז מיר זאָלען פון איהר א בעזוך גנב'ענען. יעדע פון אונז האָט עטוואס געלד. מיר בעקומען דאָס אלס „טרינק־געלד" פון פרייגעביגע בעזוכער. „זעהסט דו?" האָב איך צו איהם געזאָגט, „איך ליעב דיך ניט פאר געלד, איך ליעב דיך נאָר ווייל דו געפעלסט מיר, ווייל דו ביזט איידעל, ווייל דו האָסט נאָך צו מיר קיין גראָבען וואָרט גע־

זאָגט“. און ער האָט מיר געענטפערט: „גוט, איך וויל דיין גע־ליעבטער זיין, אבער איך וועל קיינמאָל אריינקומען אין א סאַ־לאָן, וואו די אנדערע מענער פערברייננגען. געגענאיבער דער הויז, וואויהנט מיינער א פריינד, אויך אן ארבייטער. איך וועל ביי איהם פערברייננגען דעם טאָג און א שטיק נאכט, און ווען עס וועט שוין גאנץ שפּעט זיין און דו וועסט שוין שלאָפען איינע אליין, וועל איך צו דיר אין דיין קעמערל קומען. די גאס איז אן איינגע און דאס פענסטער פון מיין פריינד קומט אוים אין דער־זעלבער הויכקייט ווי דיין פענסטער. איך וועל לייגען א ברעט פון איין פענסטער צום צווייטען און וועל קומען צו דיר. ביזט דו צופריעדען מיט דעם?“ „איך וואָלט געוויס מיט דעם צופריעדען געוועזען“, האָב איך איהם געענטפערט, „איך האָב אבער מורא, דאס מען זאָל דיך ניט זעהן... דו מוזט דאָך וויסען, אז די פּאָליציי דרעהט זיך זעהר אָפט ארום די פערופענע הייזער. ווען זיי וועט־לען דערזעהן יענע ברעט פון איין פענסטער צום אנדערען, וועלען זיי פּיעלייכט גלויבען, אז דאס האנדעלט זיך וועגען אן איינברוך פון א גנב און וועלען אויפהויבען א גאנצען גערודער אין גאס!“ ער איז אבער ביי זיין פּלאן געבליבען און האָט מיר געענטפערט: „האָב קיין מורא ניט; איך וועל פאָרזיכטיג זיין!“

— און ער האָט ווירקליך זיין פּלאן אויסגעפיהרט? — האָט דער יונגער דאָקטאָר געפרעגט.

— איך האָב איהם געמוזט נאָכגעבען! — האָט זי ווייטער דערצעהלט — און אויף דעם אופן קומט מיין ווינצענץ ווייניג־סטענס איינמאָל אין דער וואָך צו מיר. ער קומט איבער דער ברעט, דאן ווערט די ברעט צו מיר אין קאמער אריינגעצויגען און דער פענסטער צוגעמאכט. איידער עס ווערט טאָג, ווערט די ברעט ווידער אוועקגעלעגט און ווינצענץ געהט צוריק צו זיין פריינד אין הויז. עס איז נאָר טרויעריג, וואס ער קען נאָר זעלטען צו מיר קו־מען. ער האָט שטערונגען. אָפטמאָל קומט צו זיין פריינד א ברודער פון דאָרף און בלייבט ביי איהם עטליכע טעג. אין יענע טעג קען מיין ווינצענץ צו זיין פריינד און פון איהם צו מיר ניט קומען. עס טרעפט זיך אָפטמאָל אויך, דאָס איך האָב א קליענט

פאר א גאנצע נאכט און איך קען מיין געליעבטען צו מיר ניט אריינלאַזען. אבער איך פערזיכער דיר, דאָקטאָר, דאָס אין יענע נעכט, אין וועלכע איך האָב מיין ווינצעגצען ביי מיר און איך קען איהם אומארמען אָהן שטערונגען, דאן בין איך די גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט, ווייל דאמאלס פיהל איך, אז איך ווער אמת געליעבט און האָב די זיכערע אויסזיכט, דאס וועז ווינצענץ וועט פון זיינע פערדיענסטען א פאָר הונדערט לירע אָפּשפּאָרען, וועט ער מיך פון דאָנען צונעהמען און וועט מיט מיר חתונה האָבען... עס קען זעהר מעגליך זיין, אז דאָס איז א פאַלשע האָפנונג, אדער א צו־ווייטע האָפנונג, דאָס איך וועל אמאָל דאָס זיסע גליק געניסען. איך לעב אין דער שטענדיגער אנגסט, דאָס אין לעצטען אויגענ־בליק וועט ער זיך מיט מיר שעהמען און וועט חרטה האָבען, אבער דערווייל לעב איך שוין צוויי יאהר גליקליך און טראָג איבער מיט הכנעה און מיט געדולד די שאנדע פון מיין שענדליכען בערוף. די גליקליכע שטונדען, וועלכע איך פארלעב מיט מיין ווינצענץ און דער געדאנקען, דאס ער ליעבט נאָר מיין „איך“, מיין וועזען, גיבט מיר די קראפט און די אייזערנע געדולד די שאנדע פון מיין שענדליכער פראָפעסיאָן איבערצוטראָגען... אז זיין ליעבע צו מיר איז אָן אויפריכטיגע, אָן עהרליכע, בעווייזט מיר דער פאַקט, דאָס ער וויל ניט מיין געלד, און ער ווערט רויט, ווען איך וויל איהם געלד געבען, דען ער דיינקט, דאס מיין געלד האָב איך מיט דעם שוויים פון מיין לייב פערדיענט. דאגעגען בעקום איך פון איהם זעהר אָפט בלומען און אנדערע קלייניגקייטען און איך שעהם מיך ניט זיי פון איהם אָנצונעהמען.“

יענע ארעמע „ליעבעס־פערקויפערין“ האָט אלזא אויך א הארץ און קען ליעבען. —

* *

*

דער יונגער דאָקטאָר איז אין יענעם הויז געקומען, אום די גראָבע טהיערישע תאוה, וואס לעבט אין דעם מאַן, צו בעפריעדי־גען, און אנשטאט דעם, האָט ער א גוטע טהאט אויסגעפיהרט. א חוץ דעם, האָט ער ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט געלערנט, דאס

אויף די פרוי, וואָס פערקויפט פאר געלד איהר ליעבע, האָט נאָך אין זיך א פונק פון יענער ח ו ה , וואָס האָט דעם עפּיל גע'גנב'עט, אום איהם מיט א ד ם ' ן צו טהיילען.

צוויי מיידעלשע מאַרעלען.

זי איז אין איינע פון די ארעמסטע און שמוציגסטע הייזער פון שטאָדט געבאָרען געוואָרען, וואו דער שמוץ און די מיסט פון דער גאנצער שטאָדט ווערט ארויסגעקעהרט אין איין גאס, און אין א הויז פון יענער עלענדער גאס, האָט זי צום ערשטען מאָל דעם שיין פון דער וועלט דערזעהן. איהר פאָטער איז געווען אן איינגעוואָנדער־טער פאק־טרעגער, ביי וועלכען די פאָליציי האָט אוועקגענומען די בלעבענע מארקע פון זיין פראָפעסיאָן, וואָס האָט געשטעמפעלט צו אן עהרליכען און ציוויליזירטען ארבייטער, ווייל ער איז געווען א פראָפעסיאָנעלער טרינקער און האָט דארום זיין רעכט פערלאָ־רען. איהר מוטער האָט זיך בעשעפטיגט מיט גלעגענטליכע אר־בייט אין פרעמדע הייזער, אבער עטליכע טעג אין מאָנאט האָט זי ניט געקענט ארבייטען און פערדיענען, ווייל זי האָט געמוזט ליע־גען אין בעט און קורירען די וואונדען וועלכע זי האָט פון איהר מאנ׳ס האנד בעקומען יעדעס מאָל, ווען דאס עסען איז איהם צו־קארג געוועזען. זי האָט נאָך זעקס בעשעפענישען, ברידער און שוועסטער געהאט, וועלכע זיינען געווען שמוציג און האָבען אויך ניט געקענט לעזען און שרייבען ווי זי. זיי אלע צוזאמען האָבען געשלאָפען אין איין צימער אויפ׳ן פיערטען עטאזש פון הויז און פלעגען זיך נעהרען מיט די מאָגערע שפייזען, וועלכע שכנים פון דעמזעלביגען הויז פלעגען זיי פאר רחמנות צוואווארפען. נאָך דער צייט פון איהר מוטער׳ס געבורטען, איז זי געווען די זיעבעטע, אבער דערפאר די ע ר ס ט ע איבער אלע עלטערע פון איהר; ווייל זי איז געווען זעהר א שעהנע און איז געווען דער איינציגער זונענשטראהל, וואס האָט יענע שמוציגע און פינסטערע הויז עט־וואס ליכטיגער געמאכט, יענע הויז, אין וועלכער מען האָט נאָר קללות געהערט, וואו מען פלעגט זעהר אָפט ניט מאכען קיין פייער, אום עסען צו קאָכען.

אין דער דאָזיגער לוזשע פון אונזיטליכקייט און מאָראַלישער פערדאָרבענהייט, אין דעם דאָזיגען זויערטייג, פון וועלכען זינד און פערברעכען בעקומען זייער אָנפאַנג, ווערט די ריינהייט און די אונשולד פון די נפשות, וואס לעבען דאָרט, דערוואָרגען און טויט, נאָך איידער די שפּראַך האָט זיי געמאַכט פאַר מענשען. ברידער און שוועסטער ריידען צווישען זיך מיט דעם גראָבסטען ציניזמוס, און איינער זוכט איבערצושטייגען דעם אנדערען מיט אונפערשעהמטהייט און חוצפּה.

ווי דורך אן איראָניע פון שיקזאַל, האָט אונזער מיידעל געטראָגען דעם נאָמען: ל ו ק ר ע צ י א (די געוואונענע, די אונשולדיגע). אבער זי האט ניט געוואוסט, אז דעם דאָזיגען נאָמען האָט אין דער צווייטער העלפט פון פופצעהנטען יאהר־הונדערט געטראָגען די הויכע רוימישע אריסטאָקראַטקע ל ו ק ר ע צ י א ב אָ ר ד ז ש י אַ , וואָס האָט דורך איהר ווילדע אויסגעלאַסענהייט בעקומען א טרויריג־בעריהמטען נאָמען אין דער וועלט, און זי האָט אויך ניט געוואוסט, ווארום די מענער לאַכען, ווען זיי הערען ווען מען רופט זי ביי איהר נאָמען „לוקרעציאַ."

קוים האָט זי שוין געקענט געהן איינע אליין אין גאַס, האָט מען איהר אויפ'ן האַלז אָנגעבונדען אן אלטען קעסטיל, וועלכען מען האָט אויף א מיסט־הויפען געפונען, מען האָט אין איהם עטליכע שאַכטעלעם מיט שוועבעלאך אריינגעלעגט און מען האָט איהר געהייסען די דאָזיגע סחורה דעם פובליקום אָנבאָטען; אבער די פאַרביי־געהער פלעגען בלייבען שטעהן און די שוועבעלאך ניט קויפען, וויל זעהענדיג איהרע נאַקעטע פיס און די צוריסענע קליידער אויף איהר לייב, די וואהרע סמנים פון איהר ארעמקייט און עלענד, האָבען זיי גלייך פערשטאַנען, אז די קליינע שאַכטלאַך מיט שוועבעלאָך, זיינען נאָר מאַסקען, מיט וועלכע דאָס געזעץ, וואָס פערבאָט וואַגאַבונדען, זאָל פערדעקט ווערען, און אנשטאט די שוועבעלאך צו קויפען, פלעגען זיי קליינע מטבעות אין דעם קעסטיל אריינוואַרפען.

אָבער נים אלע מאָל פלעגט זי בעגעגנען די מיטליידיגע גוטע מענשען. אָפטמאָל פלעגט זי האָבען צו טהאָן מיט מאָראַליש־געַ־

זונקענע מענשען, וועלכע פלעגען איהר צואווארפען אייניגע סענ־טעסימי, און פאר דעם פרייז פלעגען זיי זיך ערלויבען איהר קינ־דערשע אונשולד אויף דער שענדליכסטער ארט און וויזע אָנצו־גרייפען.

קוים איז זי עטוואס עלטער געוואָרען, קוים האָבען זיך די פאָרמען פון איהר קערפער אָנגעפאנגען זיך צו ענטוויקלען און צו רונדען, זיינען די מיטליידיגע גוטע מענשען אלץ ווייניגער געוואָרען און די מאָראליש־געזונקענע אלץ מעהר, און אין איהר פערקעהר מיט אנדערע קליינע און יונגע וואגאבונדען, האָט זי שוין אויס־געצייכענט געלערנט צו וויסען, וואָס יענע מאָראליש־געזונקענע מענשען פערלאנגען פון איהר. און זי האָט אָנגעהויבען איהרע ליעבעס־צערטליכקייטען פאר פערשיעדענע פרייזען צו פערקויפען. זי האָט שוין געקענט זייער פערשיעדענעם ווערטה און פלעגט זיי פערקויפען מיט יענעם חיטראָסט, מיט וועלכען אן איטאליענישער פינאנץ־מיניסטער וואָלט זיך געקענט בעריהמען. פון דעם אנאטאָ־מישען און געזעצליכען שטאנד־פונקט זיינען דאָס נאָר אונשולדיגע צערטליכקייטען געוועזען, אבער וואס וויטער האָבען זיי אלץ מעהר איהר אונשולד און ציכטיגקייט געטויטעט.

דעם גאנצען טאָג פלעגט זי פערברייגגען אין די גאסען, נאָך דער רעגען פלעגט זי פערטרייבען אונטער א טהויער פון א הויז, אדער צווישען די זיילען פון א גרויסע געביידע. איהר שפייז איז געוועזען פאר אייניגע סענטעסימי געבראָטענע קאסטאניען, אדער עפיל, אָדער א שטיקעל סאלאמי, אויב זי האָט געהאט א „גליק־ליכען" טאָג און דער פדיון איז גוט אויסגעפאלען. ערסט אין אווענד פלעגט זי געהן אהיים, אבער די גאנצע לייזונג פון דעם טאָג פלעגט זי ניט אוועקגעבען די פאמיליע, ביי וועלכער זי האָט געלעבט. זי איז געוועזען א נאשערקע, און ווען זי האָט געהאט א גוטע לייזונג, פלעגט זי אריינקומען אין דער דעליקאטעסען־האנד־לונג און פלעגט זיך קויפען עטוואס פון די פערשיעדענע מינים קעז, א פאָר סאָרטען פון פיינע ווורשט און אָפטמאָל אויך א גלאָז וויין. די פאמיליע איז צופריעדען געוועזען ווען זי פלעגט זיי ברייגגען א לירע; האָט זי אבער אמאָל נאָר אפאר סאָלדי גע־

בראכט, האָט מען זי שטאַרק געשלאָגען און אָהן עסען פלעגט זי געהן שלאָפען.

זי האָט אָבער ניט געוואָלט, אז מען זאָל זי שלאָגען און נאָך וויינינער האָט זי ניט געוואָלט פאסטען. זי האָט אָנגעהויבען שפּאָרען מיט דעם געלד, און ווען זי האָט צוויי אדער דריי לירע אָבגעשפּאָרט, פלעגט זי זיי פערבאָרגען הינטער א סטאטוע אין איינעם פון די שטאָדט־פּארקען און מיט דעם אָבגעשפּאָרטען געלד פלעגט זי זיך קויפען פערשיעדענע נאשערייען.

זי האָט אויך געהאט דירעקטע און אינדירעקטע זייטיגע פער־דיענסטען, אבער די דירעקטע זיינען איהר ליעבער געוועזען. די אינדירעקטע זיינען געווען די קליינע מטבעות, וועלכע גוטהערציגע מענשען פלעגען איהר אין קעסטיל אריינוואַרפען, און וועלכע זי פלעגט דער פאמיליע אוועקגעבען. די דירעקטע זיינען געווען די גרעסערע מטבעות, מיט וועלכע מען פלעגט איהר צאָהלען פאר איהר ליעב און פאר איהר ליעבע. זי האָט די דירעקטע פערדיענסטען דארום ליעבער געהאט, ווייל זיי האָבען איהר א געוויסען ליעבעס־גענוס פערשאפט און האָבען בעפריעדיגט איהר ליידענשאפט צו דעם מאן, וואס האָט איהר ליעבע פערלאנגט. זי איז אלעמען גע־ סימפאטיש, ווייל זי איז געוועזן א שעהנע. האָט זי אזא נט בעקומען, פלעגט איהר שעלמישער פנים אויפלייכטען מיט אן אויסדרוק פון הערצענסגוטסקייט און זאָרגלאָזיגקייט.

אין א געוויסען טאָג האָט איהר אויף דער גאס א רייכע און א מיטליידיגע דאמע אָבגעשטעלט און האָט זיך ביי איהר ערקונ־דיגט וועגען איהר פאמיליע און די הויז, אין וועלכער זי וואוינט. די איינציגע אבזיכט פון דער דאמע איז געוועזען, זי צו בעפרייען פון איהר וואגאבונדירענדען און זינדיגען לעבען; אבער אלס זי האָט פון דער דאמע ערפאהרען, אז זי וועט דארפען געהן אין א שול עפּעס וואס לערנען און עטליכע שטונדען אין טאָג וועט זי זיין איינגעשלאָסען צווישען פיער ווענד, איז זי מיט א שוידערליכען שרעק פון יענער דאמע אנטלאָפען. זי האָט אויך איהר אדרעס דער דאמע ניט געגעבען, ווייל דאָס איז איהר שטריינג פערבאָטען געוועזען פון איהרע עלטערען און זי האָט געוואוסט, אז פאר

איהר איבערטרעטען דעם דאָזיגען פערבאָט, וועט מען זי שלאָ־גען מכות רצח.

אויך מיט דער פּאָליציי פון שטאָדט און מיט די אגענטען פון דער געזעלשאפט, וואס האָט זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק די בעטלעריי אָבצושאפען, האָט זי אָפט טראָבעל געהאט, אָבער יע־דעם מאָל איז איהר געלונגען פון זיי זיך ארויסצודרעהען מיט דער הילף פון יענע „גוטע" און שטארקע בעשיצער, וועלכע זי האָט גע־האט, יענע „בעשיצער", וואס האָבען אין איהר געזעהן דאס קינד, וואס וועט באלד אויסוואקסען צו א פּרעכטיגע ווייב און וועט אין פולען מאָס זייערע טהיערישע ליידענשאפטען בעפריעדיגען. זיי האָבען מיט איהר דערוויילע פערקעהרט ווי יענער נאשער און פיין־שמעקער, וואָס בעטאָפּען יעדען טאָג דעם קאפּהאָהן, וועלכען זיי קאָרמען אוים, אום צו זעהן, אויב ער איז שוין גענוג פעט, און בע־לעקען מיט דער צונג זייערע ליפּען מיט דעם פאָרגעפיהל פון דעם נאָהנטען בראָטען.

נון איז זי אויסגעוואקסען. דאס קינד איז געוואָרען א פּרעכ־טיגע ווייב, און די זון, דער רעגען און די ווינדען האָבען אויף איהר הויט א הויך פון קרעפטיגע, בליהענדע און ווילדע געזונדהייט ארויפגעזעצט און האָבען פון איהר א געשמאקע און פערפיהרערי־שע פּרוכט געמאכט. און זי האָט דאָס בעמערקט און האָט דאס מיט רוהיגער פרייד אין איהר בעוואוסטזיין געהאט. זי האָט זיך גערן בעסער געקליידעט, זי האָט זיך עלעגאנטע שיך געקויפט, אבער איהר פאמיליע האָט דאָס פון איהר אוועקגענומען מיט דער ערקלערונג, אז מיט שעהנערע קליידער און מיט עלעגאנטע שיך, קען זי מעהר ניט געהן בעטלען. דער דאָזיגער אומשטאנד האָט אין הויז זעהר פיעל קריעג און שטרייטיגקייטען ארויסגערופען, וואו לוקרעציא איז געווען די איינציגע פּערדיענערין, און פון וועלכע מען האָט א בעסערע צוקונפט ערווארטעט.

אין א געוויסען טאָג, האָט זיך לוקרעציא מיט איהר גאנצער ווילענסקראפט צוזאמענגענומען און האָט געשוואוירען, דאָס זי וועט מעהר פון הויז ניט ארויסגעהן, אויב מען וועט זי בעסער ניט קליי־דען. מען מעג זי האלב־טויט שלאָגען, אדער ערמאָרדען, אבער זי

וועט מעהר ניט געהן אויף דער גאס פעדלען מיט שוועבעלאך. זי האט ערקלערט, אז ווען זי וועט זיין אנשטענדיגער געקליידעט, קען זי ווערען א מ אָ ד ע ל; מעהרערע מאהלער און יסקולפטארען האבען איהר פארגעשלאגען אלס מאדעל זי צו בעשעפטיגען.

דער דאזיגער לוקרעציא'ס אונערווארטעטער ערפאלג, האט פערשפראכען א סך געלד אין דער צוקונפט, און פון א שוועבעלאך־פערקויפערין איז זי געווארען א מאדעל־דאמע.

אבער שוין אין דעם ערסטען טאג, איז זי געקומען צו דער אי־בערצייגונג, דאס די מאהלער און די קינסטלער, אויסער די שעה־נע ליניען פון איהר בליהענדען קערפער, וועלכע זיי גיבען איבער מיט דעם פענזיל און מיט די סקולפטאר־געצייג, פערלאנגען פון איהר נאך ע ט וו א ס א נ ד ע ר ע ס . . . אבער ניט אומ־זיסט האט זי יאהרענלאנג געלעבט אין די אונטערסטע קרייזען פון דעם מאדערנעם לעבען און האט געוואוסט, דאס יענער „עטוואס אנדערעס" אין איהר האט דעם העכסטען ווערטה, און ווען מען האט איהם איינמאל פערלארען, קען מען איהם שוין צוריק ניט געפינען, דארום מוז זי דעם דאזיגען „עטוואס" נאר מיט דעם העכסטען פרייז פערקויפען.

עס האבען ניט געהאלפען קיינע איבערראשונגען, קיינע גוואלד־אטאקעס, קיינע חניפות און קיינע גאלדענע פערשפרעכונ־גען. זי איז א מיידעל און איז נאר גערן איהר מיידעלשאפט איהר געזעצליכען מאן, אדער א רייכען „סוחר" אוועקצוגעבען. עס איז איהר זעהר לייכט געוועזען פאר הונדערט מענשען זיך נא־קעט אוועקצושטעלען און נאך לייכטער איז איהר געווען צו מאכען די פאזען, פיגורען און שטעלונגען, וועלכע די קונסט, אדער די קאפריזען פון די קינסטלער האבען געפאדערט, אבער איהר מייד־דעלשאפט האט זי געהיט ווי איהר אויג אין קאפ.

די שוועבעלאך פערקויפערין האט זיך גאר ניט געשעהמט א מאדעלל צו ווערען, אבער מיט דער שטארקער אבזיכט איהר „טהייערען אוצר" צו היטען. געהענדיג פון איין אטעליעה צום צווייטען, האט זי דארט אליץ מעהר די דארטיגע אויסגעלאסענהייט געלערנט. זי האט געוואוסט, אז די קינסטלער מאכען די קונסט און די עסטהע־

טיק נאָר צום אויסרייד, הינטער וועלכען זיי בעהאַלטען זייער אויס־געלאַססענהייט און זייערע שמוציגע תאוות צו דעם שעהנעם פרויען־קערפער. און זי האָט דאָס אַלעס געלערנט, אַלעס פערפאַלקאָמט און פערשעהנט מיט יענער גלייכגילטיגקייט און מיט יענע ווילדע פרייד, וואָס האָט איהר אין אַ קורצע צייט געמאַכט פאַר דער געזוכטעסטע מאָדעלל און פאַר דעם ליעבלינג פון אַלע קינסטלער.

ווייל זי האָט טאָג פאַר טאָג ווידער און ווידער ערקלערט, דאָס זי וויל איהר מיידעלשאַפט פערקויפען, און ווייל קיינער פון די קינסטלער האָט ניט געגלויבט, דאָס זי קען דאָס גאָר ניט פער־קויפען, ווייל זי האָט דאָס ניט — האָט זי ענדליך ערקלערט, דאָס ווען מען וויל זיך איבערצייגען, קען מען זי לאָזען אונטערזוכען פון אַ דאָקטאָר, דאַן וועט מען האָבען די פולע איבערצייגונג, אַז זי איז נאָך אַ ריינע אונשולדיגע מיידעל.

און מעהרערע קינסטלער האָבען זיך געווענדעט צו אַ בע־ריהמטען אַנאַטאָם מיט דער ביטע, דעם האַזיגען זעלטענעם פאַל אונטערצוזוכען. קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז אַ מיידעל, וואָס האָט יאָהרענלאַנג דורכגעמאַכט דאָס לעבען אויף דער גאַס און אין ווערקהייזער פון מאַהלער און סקולפּטאָרען, זאָל נאָך בלייבען אין איהר מיידעלשע ריינהייט און אונשולדיג זיין.

עס זיינען נאַטירליך פיעל וועטען דאַפיר און דאַגעגען אָבגע־שלאָסען געוואָרען, און דער בעריהמטער דאָקטאָר איז איינגעלאַדען געוואָרען צו אַ מאָהלצייט ביי די קינסטלער, וואו ער האָט גע־דאַרפט בעקאַנט מאַכען דעם רעזולטאַט פון זיין אונטערזוכונג. די קאָסטען פון דעם מאָהלצייט האָבען צו צאָהלען יענע קינסטלער, וועלכע וועלען די וועטע פערליערען.

די שפּאַנונג איז געווען זעהר גרויס און די נייגיערדע אָהן אַ גרעניץ. אַלס די גרויסע פּרעסעריי און טרינקעריי האָט זיך שוין געענדיגט, האָט זיך דער געלעהרטער מיט אַ גלאָז וויין אין דער האַנד פון זיין פּלאַץ אויפגעהויבען און האָט אין אַן ערנסטען טאָן אויסגערופען:

— מיינע הערדען! איך לאַד אייך איין אויף דאָס וואָהל פון דער מיידעל לוקרעציאַ צו טרינקען....

א כאָהר פון פערשיעדענע שטימען מיט ווידערשפּרעכונגען האָט געקלונגען אין דער פרייליכער געזעלשאַפט.

— ווי קען האָס זיין ? — האָבען אייניגע געשריען — לוקרע־ציא א מ י י ד ע ל ?... חא! חא! חא! חא!...

— און דאָך איז דאָס אזוי ווי איך זאָג אייך! — האָט דער געלעהרטער געענטפערט מיט בעשטימטהייט — און איך שווער אייך ביי מיין דאָקטאָר־דיפּלאָם, אז איך האָב קיין טעות, אבער איך האָב נאָך א בעמערקונג צו מיין ערקלערונג: יאָ, מיינע הערן, זי איז א מיידעל און דאָך אן אויסגעלאַסענע! אין איהר זעהען מיר א העסליכען קאַפּיטעל פון אונזער סאָציאַלע טוגענד. א ווייב קען זיין א מיידעל חאָטש זי האָט יעדען געפיהל פון שאַנ־דע פערלוירען, חאָטש זי האָט צו יעדען שמוטציגען און זינדיגען אנגריף אויף איהר קערפּער צוגעשטימט, זי קען אויך אָנגעשטעקט ווערען פון אלע פערניכטענדע און לעבענס־געפעהרליכע קראַנקהייטען, און צו דערזעלביגער צייט קען זי אויך שיטצען און גאַנץ האַל־טען די איינציגע זאַך, וואָס זי האַלט פאַר הייליג, יענעם שוץ־מיטעל, מיט וועלכען עס בעדיענען זיך היינטיגע מאָדערנע דאַ־מען אין דער ליעבע, אום זייער אנאטאָמישע גאַנצקייט צו היטען, ווי די מאָראַל, אָדער די פאַלשקייט, פערלאַנגט עס.

די איבעראַשונג איז געווען אן אלגעמיינע, אבער די פרייליכע שטימונג פון דעם מאָהלצייט איז פערשוואונדען געוואָרען; וויל יעדער איינער פון די קינסטלער האָט מיט רעכט מורא געהאט, צו איז ער ניט פון יענע שרעקליכע קראַנקהייט אָנגעשטעקט. די דאָזיגע מורא איז ניט געווען קיין אומזיסטע, וויל יעדער איינער פון זיי האָט מעהרערע מאָל מיט איהר געשלעכטליכע בעציעהונגען געהאט...

נאָכדעם ווי איהר מיידעלשאַפט איז אפיציעל פעסטגעשטעלט געוואָרען, אבער צו דערזעלביגער צייט איז אויסגעפונען געוואָרען, אז זי איז אויך קראַנק אויף סיפילים, און דאָס איז אונטער אלע קינסטלער שוין מעהר קיין סוד נישט געוועזען — האָט זי זיך גע־ווענדעט צו א ספּעציאַליסט פון דער דאָזיגער קראַנקהייט און האָט זיך געלאָזט קורירען. זי איז געזונד געוואָרען און האָט אלעמען

געלאַזט וויסען דעם פּרייז פאר איהר אונשולד: טוויזענד לירע. דאָס איז געווען א פאַבעלהאַפטע סומע, פון וועלכער זי האָט שטענ־דיג געחלומ'ט, ווי אונזערע מיליאָנערען חלומ'ען פון א מיליארד.

אלע האָבען די דאָזיגע סומע געפונען פאר שטארק איבער־טריעבען און האָבען איהר פיעל קלענערע סומען אָנגעבאָטען, אבער זי האָט זיי מיט פעראכטונג צוריקגעוויזען. עס האָט צו איהר זיך געמעלדעט א יונגער מארקיז, א ספעציאַליסט אין זנות־אנגעלע־גענהייטען, וואָס האָט איהר אכט הונדערט לירע געוואָלט בעצאָה־לען, אבער זי האָט זיך פעסט געהאלטען ביי איהר ציפער, וואָס האָט אזוי שעהן אין איהרע אויערען געקלונגען. און ווילט איהר וויסען מיט וואָס די זאך האָט זיך געענדיגט? הערט!

אין א געוויסען אווענד איז לוקרעציא איינגעלאַדען געוואָרען צו א מאָהלצייט פון א וואגאבונד, וואָס איז געווען שעהן ווי א פּ אָ ל אָ, דער גאָט פון ליכט, און ווילד ווי מ אַ ר ס, דער גאָט פון קריעג. זי איז שוין מיט א צייט פריהער מיט איהם בעקאנט געוואָרען, דאמאלס, ווען זי האָט נאך מיט שוועבעלאך געהאנדעלט. יענער צווייפאכער „גאָט" האָט זי אָנגעשכור'ט, האָט ביי איהר די מיידעלשאפט צוגענומען און האָט איהר דערפאר אפילו קיין סאָלדי ניט געגעבען.

און אין א געוויסען טאָג, ווען די ליידענשאפט האָט אין דעם יונגען מארקיז אין העלע פלאמען אויפגעפלאקערט און איז צו איהר מיט אן אסיגנאציע פון טויזענד לירע געקומען, האָט זי איהם עהרליך מודה געווען, דאָס זי קען ניט פערקויפען דאָס, וואָס זי בעזיצט שוין מעהר ניט. זי האָט דעם פערלוסט בעטראכט פאר אן אונגליק אבער זי האָט זיך געטרייסט מיט דעם געדאנ־קען, דאָס זי האָט דעם אונגליק פערדיענט.

זי איז נאָכדעם אוועק פון שטאָדט, אום אויסצומיידען דעם ביטערען שפּאָט, מיט וועלכען איהרע פריינדינען האָבען זי שטענ־דיג פערפאָלגט, און ווי וויט מיר איז בעקאנט, איז זי געוואָרען די מעטרעסע פון אן אלטען און רייכען געשעפטסמאן.

* * *

איך האָב געקאָנט אַן אנדערע מאָדעל־מיידעל, וואס האָט נאָר איינינגע מאָנאַט געגוג ווילענסקראפט געהאט צו היטען און גאַנץ צו האלטען דעם „אוצר“, וועלכען די מענער פון אלע צייטען האָבען אַבגעמאָסטען מיט אזא הויכען ווערטה.

א בעריהמטע מאהלערין, וואס האָט זיך מיט א הייסע ליידענשאפט אַבגעגעבען צו שטודירען די נאקעטע שעהנהייט, האָט זיך שטענדיג פאר מיר בעקלאָגט, דאס עס איז זעהר שווער אין די אונטערסטע קרייזען פון דער בירגערליכער געזעלשאפט צו געפינען א יונגע מיידעל, וועמעס קערפער זאָל פון דער נאטור צו דער העכסטער שטופע פון שעהנהייט אויסגעבילדעט זיין, און זאָל נאָך ניט זיין פערדאָרבען פון עלענד אדער פון אויסגעלאסענהייט. זי האָט געדארפט האָבען אזא נאטירליכע און ריינע שעהנהייט, ווייל זי האָט מיט פארבען אויפ׳ן לייוועגט געוואָלט מאָהלען די שעהנע פרויען פון אלט־גריעכענלאנד.

אבער אין א געוויסען טאָג, אלס איך האָב די קינסטלערין ווידער בעזוכט, האָט זי מיר מיט העלען פרייד דערצעהלט, דאָס זי האָט ענדליך געפונען א פופצעהן־יאהריגע מיידעל, וועלכע קען איהר דיענען אלס מאָדעל צו מאָהלען דעם געטליכען פ ה י ד י ־ אַ ס *). דערביי האָט זי מיר ווייטער ערקלערט, דאס די מיידעל איז קיינמאָל ניט געשטאַנען אלס מאָדעל ביי מענליכע קינסטלער, זאָנדערען נאָר ביי פרויען־קינסטלערינען און דאס אויך נאָר אין דער בעגלייטונג פון איהר מוטער. די דאָזיגע מיידעל פעראייניגט אין זיך אלע קערפערליכע שעהנהייטען פון דער מוטער חוה אין גן־ערן איידער זי האָט געזינדיגט מיט דעם עפּיל פון עץ הדעת, און זי האָט מיט איהר אויסגענומען דעם תנאי, צו שטעהן מאָדעל נאָר הינטער א שפּאַנישע וואנד.

— אויב איהר ווילט זי זעהן און בעוואונדערען — האָט די קינסטלערין צו מיר געזאָגט — קענט איהר זי זעהן און בעוואונ־

*) פ ה י ד י אַ ס, אַ בעריהמטער סקולפּטאָר, דער מייסטער פון דער גריעכישער פּלאסטיק, געבאָרען אין אַטהען 500 יאָהר פאַר קריסטוס־געבורט.

דערען שטעהענדיג פערבארגען הינטער א צווייטער שפּאנישע וואנד.

איך האָב די איינלאדונג פון דער קינסטלערין אנגענומען און בין געשטאנען ווי בעטויבט זעהענדיג דעם וואונדער־שעהענם קערפּער פון דער מאָדעל־מיידעל, פון וועלכע יעדע קערפּער־ליניע און יעדער גליעד האט צו זיך געצויגען ווי א שטארקר מאגנעט און האט ענטציקט די אויגען. ווען מען זעהט זי אין איהר גאנצע נאקעטקייט, ווערט יעדער וואונש און יעדער קערפּערליכער פערלאנג אין זיך צוזאמענגעפלאכטען און שטייגען אלץ העכער און העכער צו דעם הימעל פון הויכע אידעאלען, און לאזען ווייט הינטער זיך אלע קערפּערליכע חושים, אלע אונציכטיגע און זינדיגע געפיהלען, קורץ: אלע יענע ניעדריגע און גראָבע פערקליידונגען, מיט וועלכע די ערדישע ליעבע ווערט ביי אונז אויסגעפוצט. אום יענע שעהנהייט אומצוארמען, האָב איך נאָר א גאָט געדארפט זיין.

כמעט יעדען טאָג האָב איך מיין בעפריינדעטע קינסטלערין געזעהן, האָב זי יעדעם מאָל אויסגעפרעגט וועגען איהר מאָדעל־מיידעל און האָב איהר געראטהען וואָס גיכער מיט דער ארבייט פערטיג צו ווערען, ווייל יענער צויבער האָט ניט געקענט לאנג אנהאלטען. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבען, אז א מאָדעל־מיידעל זאָל קענען לאנג ריין און אנשטענדיג בלייבען. אבער די קינסטלערין האָט געשוואָרען אויף די אונבעפלעקטע ריינהייט פון איהר מאָדעל און האָט געהאט די פולע איבערצייגונג, דאס קיין מענשליכער אָטהעם קען די דאָזיגע פעריל ניט בעפלעקען.

איך בין אבער א גרויסער סקעפּטיקער אין די דאָזיגע זאַכען און ווייל איך בין געגוג ערפאהרען אין דאָס אינערליכע לעבען פון די מענער, האָב איך איהר געענטפערט: „אין אָנפאנג שטעהט אזא מיידעל מאָדעל נאָר אין איהרע קליידער, ווייל זי האָט נאָך דעם געפיהל פון שאנדע, ביסלעכווייז ענטשליסט זי זיך אויסצוטהאָן די קליידער ביז׳ן העמד און צום סוף שעהמט זי זיך שוין מעהר ניט צו שטעהן גאנץ נאקעט. אין אָנפאנג וויל זי נאָר פאר קינסטלערינען פּאָזירען, אבער שפּעטער געפינט זי אויס, אז

די מענליכע קינסטלער בעצאָהלען בעסערע פּרייזען פאר פּאָזירען און זי געהט בעסער צו זיי. זי וויים אויך, אז דאָרט, ביי די מענליכע מאהלער און סקולפּטאָרען, קען זי האָבען גוטע נ ע ב ע נ - פ ע ר ד י ע נ ס ט ע ן, חוץ דעם האָנאָראר פאר איהר מאָדעלשטעהן. דערצו נאָך גלויבט זי, אז איהרע חלומות וועגען א גליקליכען שדוך, קענען ביי א מענליכען קינסטלער פריהער אדער שפּעטער פערווירקליכט ווערען".

איינמאָל, ווען איך בין צו דער קינסטלערין געקומען, האָב איך זי אין איהר אַטעליעה ניט געפונען. איך האָב זי געפונען אין איהר סאַלאָן און דאָרט האָט זי מיר ערקלערט, דאָס זי האָט אויף זיעבען אדער אויף אכט טעג איהר ארבייט אָבגעלייגט, ווייל איהר מאָדעלמיידעל איז מיט איהר מוטער אין א ווייטען דאָרף אוועקגעפאָהרען.

צוויי טעג נאָכדעם, האָב איך גאנץ אונערוואַרטעט געמוזט אונטערנעהמען א רייזע נאָך נעאפּעל, און דאָרט האָב איך אויף דער אייזענבאהן-סטאַציאָן, צווישען דעם טומעל פון רייזענדע, פּאקטרעגער און אָמניבוס-קאָנדוקטאָרען, יענע וואונדער-שעהנע מאָדעל-מיידעל דערזעהן. זי האָט זיך געטראָגען עלעגאנטע קליידער ווי עס טראָגען זיי די פּאָרנעהמע ליעבעס-פּערקויפערינען, און האָט זיך ארומגעפיהרט מיט אן אלטען און רייכען בעל-עברה. איין בליק פון מיר אויף זיי איז מיר שוין גענוג געוועזען צו ערפאהרען זייערע געגענזייטיגע בעציעהונגען, צו וויסען, וואָס זייהאָבען געטהאָן אין דער פערגאנגענער נאכט און וואָס זיי וועלען טהאָן אין דער פאָלגענדער נאכט. אלס מאָדעל דאַרף ער זי געוויס ניט ! ...

אלס איך האָב מיין בעפריינדעטע קינסטלערין פון מיין בעגעגענונג דערצעהלט, האָט זיך א שווערער און א טיעפער זיפץ פון איהר פאַרקלעמטע ברוסט ארויסגעריסען און מיט גרויס טרויער האָט זי צו מיר געזאָגט:

— אך, וואָס פאר א שרעקליכע ענטטוישונג!

און איך האָב איהר געענטפערט:

— מ אָ ד ע ל און מ י י ד ע ל זיינען צוויי בעזונדערע זאכען, וואָס קענען קיינמאָל ניט פעראייניגט זיין!

ציניזמוס פון די הויכע—ציניזמוס פון די נידריגע.— אויפ'ן לאנד.

דער לעזער פון עמיל זאלא'ס ראמאן „די ערד", האט געוויס בעקומען א גייסטיגען „קאטצעניאמער", א מין זעע־קראנקהייט אויף דער יבשה און האט גע־ווים אויסגערופען: „ווי? אויך די פויערים אויפ'ן לאנד קענען די אונשולד ניט ריין האלטען? אויך דער דארף איז ניט די היים פון דער ריינער טוגענד?"

און ווער עס האט זיך בערוישט מיט די הירטענגעדיכטען פון דעם פאעט דעסליל און מיט די פאסטוכער־פאעמען פון אנדערע דיכטער, דער האט געוויס גע'חלומ'ט פון א רוהיגען און גליקלי־כען לעבען אין א דארף, וואו די אונשולד און ריינהייט האבען זייער רעזידענץ אויסגעבויט.

זאלא און דעסליל האבען וויטע ענד־פונקטען פון דארפ־לעבען בעשריעבען, ווי די נאטור שטעלט זיי פאר, אבער ווי זיי עקזים־טירען נאר זעלטען. צווישען דער טהיערישער פערגרעבטהייט און די גראבע אינסטינקטען פון די פויערים, ווי דער גרויסער פראנ־צויזישער ראמאניסט (עמיל זאלא) בעשרייבט זיי, און דעם מילך און האניג פון די גריעכישע פאסטוכער, בעוועגט זיך די גרויסע מאסע פויערים — וואס זיינען אויך נאר מענשען — יענע גרויסע מאסע לאנדלייט, וואס פעראייניגען אין זיך די איידעלסטע און צארטעסטע געפיהלען צוזאמען מיט די עקעלהאפטעסטע גראבהיי־טען. פון דעם שטאדטיגען מענשען אונטערשיעדעט זיי נאר א וועלט, וואס איז פיעל איינגער, אין וועלכער האם און ליעבע זיינען פיעל אייפאכער, ווייניגער פערוויקעלט און דארום ווייניגער שלעכט. פויערים און שטאדטיגע זיינען פון איינעם און דעמזעל־בינגען מענשליכען שטאף געשניטען; אבער ביי די פויערים זעהט מען ניט קיינע פליטערלאך, קיינע שטיקערייען און קיין אויספוצונג,

און זעלטען ווען דארף מען ביי זיי עטוואס אויסבעסערען און פאר־לאטען, ווייל זיי זיינען שטארקער געוועבט.

איך וויל דא פאר אייך מאהלען צוויי בילדער פון דעם ווירק־ליכען רעאלען לעבען: „אויפ׳ן לאנד“ און אין די „הויכע פענ־סטער“, אין וועלכע דער ציניזמוס ווייזט אונז איינעם און דעמ־זעלביגען פנים, און רופט אין אונז ארויס א געפיהל פון פראטעסט. די רעהמלאך זיינען נאר פערשיעדען, די בילדער זיינען גלייך.

*　　　*
*

א יונגער הערר, א מעסיגער אנהיינגער פון דער ליעבע, וואס האט תמיד געלעבט נאך די רעגעלען פון דער געזונדהייטס־לעה־רע, איז געקומען אויפ׳ן לאנד, אום זיך צו פארנעהמען מיט דער קולטיווירונג פון זיידען־ווערים, א געשעפט, פון וועלכען ער איז שוין פריהער זעהר רייך געווארען. איינמאל, אין א שעהנעם פריה־מארגען, האט ער געמאכט א שפאציער איבער די פעלדער, אום די פרישע אראמאטען פון דעם פריהלינג איינצואטהעמען. בלו־מען און פויגלאך, די ערסטע מיט זייערע פארבען און די צוויי־טע מיט זייער געזאנג, האבען געשיקט זייערע ליעבעס־ליעדער צום הימעל, און די זון, ווי אויפגעמונטערט פון דעם דאזיגען יובעל, האט ארונטערגעשיקט איהר ווארעמע ברכה אויף די ערדענקינ־דער.

די מענשען האבען איינגעשטימט אין דעם קאהר פון די בלו־מען און פון די פויגלאך און האבען פערגעסען די ליידען און די שמערצען פון לעבען. עס האבען מיטגעזונגען די אקערס־קנעכט אכטונג געבענדיג אויף זייערע אקער־אייזענס, וואס האבען דורכ־געשניטען און אויפגעדעקט די ברוינע ערד, און עס האבען אויך געזונגען די זויבערע פויערשע טעכטער צווישען די צווייגען פון די מוילבעערבוימער, פון וועלכע זיי האבען די בלעטער געריסען און מיט זיי אנגעפאקט די זעק, וועלכע זיינען געהאנגען אויף די בוימער. אלעס, וואס איז גרין אין די פעלדער און אין די וועל־דער, איז געווען פריש און אין טויזענד פערשיעדענע פארבען

האַט אויך די דאָזיגע גרינע וועלט גענומען מיט פרייד פון דעם ערסטען יוגענדטאָג אין דעם יאהר.

דער יונגער העררר איז געבליבען שטעהן ביי אַן אַלטען מוילבערבוים, אויף וועלכען א ציכטיגע פויערשע מיידעל איז געזעסען. זי איז אונגעפעהר זעכצעהן יאהר אַלט געוועזען. מיט דעם קינדערשען ענטהוזיאזמוס האַט זי די בלעטער פון בוים געריסען, האַט פון איהם זיין גאנצען גרינעם שטאָלץ בערויבט און האַט איהם נאָר נאַקעטע ריטלאך איבער געלאָזען. זינגענדיג א ליעד האַט זי געארבייט און האַט אויסגעזעהן מיט איהר נאַטירליכער שעהנהייט ווי א געשמאקע פרוכט פון יענעם בוים. מיט איהרע ביז די קניע נאקעטע פיס, אין איהר קורצע בלויע קלייד און מיט דעם רויטען וואָלענעם טוך, מיט וועלכען זי האַט קונציג איהר קאָפּ אויסגעפּוצט, האַט זי פון ווייטען אויסגעזעהן ווי איינע פון יענע פיעלפארביגע פויגלאך, וועלכע מאכען לעבעדיג די בוימער, וואָס וואקסען אין די געגענדען ביי דעם עקוואַטאָר.

דער יונגער העררר האַט זיך אוועקגעשטעלט אונטער יענעם בוים און האַט מיט פערליעבטער בעוואונדערונג בעטראכט יענע פיעלפארביגע בעשעפענים, וועלכע די ארומיגע גרינע וועלט האַט געדיענט אלס שעהנער הינטערגרונד און אלס פרעכטיגער ראהמען צו איהר בילד. דער יונגער מאן איז ניט געוועזען קיין מאהלער, אבער ער האַט דאָס גענדארפט זיין, אום יענע איינפאכע און ערהאבענע סצענע מיט פארבען פאר דער צוקונפט צו פאראייביגען; אַן איינפאכע סצענע, אבער פול מיט פּאָעזיע. ער איז ניט געוועזען קיין מאהלער, אבער ער איז געוועזען א *מאן*, און יענע מיידעל איז ניט געוועזען קיין דאמע, אבער זי איז געוועזען א *ווייב*, און ביידע, מאן און ווייב זיינען שעהן געוועזען; זיי זיינען געוועזען פון יענער פייערדיגער שעהנהייט, וועלכע נאָר די יוגענד, די בליהענדע יוגענד, קען אויפווייזען. זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט, און ניט ריידענדיג א וואָרט האָבען זיי זיך צוגעשמייכעלט. דאָס איז געוועזען דער אונבעוואוסטער גרוס, די אַלגעמיינע שפּראַך, וועלכע איז פון אַלע פעלקער און אין אַלע צייטען גוט פערשטענדליך געוועזען, יענע שטומע שפּראך אין וועלכער דער מאן זאָגט:

„דו געפעלסט מיר“ און די ווייב ענטפערט אין דערזועלבער שפראך:
„אויך דו געפעלסט מיר“.

זיי האבען זיך פריהער קיינמאל ניט געזעהן, אבער וואס מאכט דאס אויס? האבען דען אדם און חוה נייטיג געהאט מען זאל זיי פארשטעלען איינעם פאר די אנדערע, אום צו בעגעהן די גרויסע זינד, וואס ליעגט אויף אונז ווי א שווערע משא זייט טויזענדער יאהרען?

דאס מיידעל האט פון איהר גרינער הויכקייט צו איהם ארונ־טערגעקוקט, און ער דורך די גרינע פעלד צו איהר ארויף, און דורך די בלעטער האבען די בליקען געוואנדערט הין און צוריק, זיך צוגעשמייכעלט און געקושט. וועלכער מוזיקאלישער זשעניע וועט אמאל קענען זעצען אין הארמאנישע און מעלאדישע מוזיק די שמייכעלאך פון צוויי מענשענקינדער, וועלכע ווערען קווער אין דער לופט פון דער ליכט געטראגען, וועלכע בעגעגענען זיך, שטויסען צוזאמען און גיבען פון זיך ארויס פונקען פון ביינקשאפט און ליע־בע?

יענע שמייכעלאך זיינען אהן מורא און אהן געדאנקען אויס־געשפראכען אין לאסצען זיך פון ווייטען; אבער דער יונגער מאן האט באלד דערפיהלט די נייטיגקייט מיט ווערטער צו ריידען.

— וואס טהוסט דו דארט אויבען, דו שעהנעס קינד?

— זעהט איהר דען ניט? איך ריים בלעטער פאר די זיידענ־ווערים.

— איך וואלט גערן געוואלט זיין א זיידענוואָרעם, כדי איך זאל קענען עסען דיינע בלעטער!

זי האט זיך צולאכט און האט ניט געוואוסט וואס צו ענט־פערען. דערוויילע האט זיך דער יונגער מאן אויסגעצויגען אויפ'ן גראז, און קוקענדיג ארויף, האט ער צו איהר געזאגט:

— אה, וואס פאר א שעהנע זאכען איך זעה דא!

זי איז ניט רויטה געווארען, זי האט אויך געגען דעם דאזיגען ציניזמוס ניט פראטעסטירט, זי האט נאר די בלויע קלייד איינגער ארום איהרע פים צוזאמענגעצויגען און האט ווייטער לאכענדיג געענטפערט:

— איצט וועט איהר שוין מעהר גאָר נישט זעהן!

— אָה, יאָ, יאָ, איך זעה אַ סך זאַכען, פיעל וואונדער־שעהנע זאַכען!

— ניין, איהר זעהט גאָר נישט, אבער געהט אוועק פון דאנען, ווייל איך דארף ארונטערגעהן און אוועקטראָגען די בלעטער צו מיר אין הויז!

דער יונגער מאן האָט זיך פון אָרט ניט גערירט און נאָך אַ לאַנגע לוסטיגע שלאַכט מיט ווערטער, מיט מיענעס און מיט קערפער־בעוועגונגען, איז די מיידעל פון בוים ארונטערגעגאַנגען, דאָס הייסט: זי איז אַראָבגעשפרונגען אין זיינע ארעמס. ער האָט זי ארומגעכאפט און האָט זי בעדעקט מיט קושען. זי האָט זיך פון דעם ניט געפיהלט בעליידיגט און האָט מיט קיין וואָרט ניט פּראָטעסטירט.

זיי זיינען ביידע יונג, געזונד און שעהן, און דער געזאַנג פון די פויגלאך, דאָס זומען פון די פליעגען און די ביענען און דער אַראָמאַט פון די בלומען זאָגען זיי אַלע אין קאָהר:

— ליעבט אייך, דען דער פריהלינג געהערט צו אַלעמען!...

ביז צו דעם פּונקט גרייכט דאָס אידעאַל, וועלכע דער דיכטער דעסליל האָט אין פערזען און אויך אין פּראָזאַ בעשריע־בען — — —

דעמזעלבען אבענד האָט דעסליל'ס אידעאַל אויפגעהערט אַ אידעאַל צו זיין. דעמזעלביגען אבענד האָט דער יונגער הערר די טאָכטער פון פויערים איינגעלאַדען צו איהם צו קומען צו אַ נאָהענטען בארג פון היי, וואו ער וועט אויף איהר וואַרטען.

ער — פון אַ גרעסערע אונגעדולד געפּלאָגט אַלס זי — איז פריהער געקומען און האָט זיך אויסגעצויגען אויף דעם ווייכען אַראָמאַטישען היי. ער האָט זיין געזיכט פערגראָבען אין דעם היי מיט אַזאַ געפיהל פון נחת, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט פון דעם פרישען גראָז אויסזויגען אַלע אוצרות פון דער פרוכטבאַרער ערד.

ווילדע, שטורמדיגע קושען האָבען איהם אויפגעוועקט פון זיין בערוישונג.

ביידע האָבען זיך געהאַלטען ענג און שטייף ארומגענומען און

פערגעסען יעדען געשריבענעם געזעץ, יעד ןעסאָציאָלען אונטערשיעד, אויך די מורא מורא פאַר דער שטראָף מיט איהרע פאָלגען. אין דעם מאָמענט האָט פאַר זיי ביידען נאָר דער איינפאַכער ג א ט ו ר־ ג ע ז ע ץ עקזיסטירט. דער „ער" האָט אויסגעפונען, אז די „זי", וועלכע ער האלט איצט אין זיינע פאר ווילדער ליידענשאַפט ציי־ טערדיגע אָרעמס, בעזיצט דעם טהייערסטען אוצר, וואָס דאָס לעבען קען פערשאַפען, און דאָס יענער בארג פון פרישען היי שפּענדעט איהם בעסערע בשמים ווי אַלע רייכע בודוארען און פּאַרפומירטע שלאָפצימער פון די פּאַרנעהמסטע דאַמען. איז אפשר יענע ליעבע ניט ריינער, נאַטירליכער און אונשולדיגער פון אַלע אנדערע ליע־ בעס? איז דאָס ניט געוועזן א ד ם, וואָס האָט זיין ח ו ה גע־ פונען?

און פּלוצלונג ווערט זיין גליק פון א שווערען וואָלקען פאַר־ טונקעלט.

מיט א בעזאָרגטע און טיעף ערנסטע מיענע בעפרייט זיך דאָס אונשולדיגע פויערשע מיידעל פון זיינע הייסע אָרעמס און זאָגט צו איהם:

— הער מיך אוים, געליעבטער! איך האָב צוטרויען צו דיר און דערפאַר בין איך צו דיר געקומען, אָבער איך בעט דיך, מאַך ניט קיינע דומהייטען און לאָז מיר מיין עהר'ע גאַנץ...

ער האָט אין דעם מאָמענט געפיהלט אַזוי ווי א גראָבע אייר זערנע האנד וואָלט איהם א שטוים געטהאָן אין דער ברוסט; אָבער רוהיג האָט ער איהר געענטפערט:

— מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען... האָב קיין מורא ניט...

— איך האָף, אז דו פערשטעהסט דיין זאַך זעהר גוט, דו ביזט דאָך א הויך־געבילדעטער מאַן... איך מוז דיר זאָגען, אז אונזערע יונגע לייט פון דאָרף זיינען זעהר אונוויסענד און זעהר גראָב...

אין יענעם אויגענבליק האָט דער יונגער הערר אין זינען גע־ האַט עמיל זאָלא'ס ראָמאַן „די ערד". ער האָט גרוים חשק געהאַט צו פערלאָזען דעם אראָמאַטישען בארג היי און ווייט־ווייט אנטלוי־ פען, אום ווידער אויפצוזוכען די פיינ־שמעקעדיגע בודוארען פון

די פאַרנעהמע דאַמען, וועלכע גיבען זייער ליעבע און נעהמען ניט אוים קיינע תנאים...

אַבער ער איז יונג געוועזען, אזוי אויך זי: יונג און שעהן... און ער איז ביי איהר געבליבען...

אין די הויכע פענסטער.

דער איז געווען יונג און שעהן, פון יענער זיד־איטאליע־נישער שעהנהייט, פון וועלכע די ענגלישע און די סקאנדינאווישע בלאָנדע טעכטער ווערען אזוי ענטציקט און בערוישט. א הויכער וואוקס, שלאנק, מיט אייזערנע מוסקעלען, וועלכע זיינען שטענדיג אין בעוועגונג געוועזען, מיט געלאָקטע האָר, שווארץ ווי די נאכט, און אויגען, וואָס זיינען נאָך שווארצער געוועזען פון זיינע האָר; דערצו נאָך א שארפע אָדלער־נאָז און בלענדענד־ווייסע צייהן, ארום וועלכע עס איז שטענדיג א שמייכעלע ארומגעשוועבט. אָבער א שמייכעלע, וואָס האָט מעהר פעראכטונג אלס גוטסקייט אויסגעדריקט. און דאָס איז דאָך א בעקאנטער פאקט, דאָס די פרויען ליעבען מעהר יענע מענער, וואָס פעראכטען זיי, אלס יענע, וואָס ליעגען ביי זייערע פיס. די הויפט־שעהנהייט זיינע איז געווען זיין בלייכע ברוינע פארב פון זיין הויט, ווי מען זעהט עס ביי די שפאניער, וועלכע האָבען עס גע׳ירשנ׳ט פון די אראבער; א פארב, וועלכע מיינער א פריינד, א בעריהמטער סקולפטאָר רופט מיט דעם נאָמען „אש־פארב", און ווי ער פערזיכערט, האָט זי די קראַפט ביי די פרויען די הייסעסטע ליידענשאפט צו ערוועקען.

וואָס עס איז שייך צו זיינע פיזישע מעלות, איז ער געווען א זיעגער, וואָס האָט קיינמאָל קיין ניעדערלאגע ניט געקענט האָבען. זיינע מאָראלישע מעלות האָבען זיך אויסגעצייכענט אין זיין פערשטאנד. אָהן בעזונדערע מיה האָט ער זיך פון דער ליטעראטור און פון דער וויסענשאפט ערוואָרבען גראדע דאָס, וואָס האָט איהם געקענט בריינגען נוצען אין געזעלשאפטליכען לעבען און וואָס עס האָט געקענט לאשצען די אויערען פון זיינע צוהערער. דורך א גייסט־רייכען וואָרט, דורך א געניאלען אויפטרעטען, און מעהר פון אלץ דורך א פאָרזיכטיגעס צוריקווייכען, האָט ער די מענשען געמאכט

גלויבען, דאָס ער ווייס פיעל מעהר, ווי ער האָט אין דערווירקליכ־ קייט געוואוסט. ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט קיין פּאָזיטיווען „יאָ", און אויך קיינמהל ניט קיין קורצען און בינדיגען „ניין". ער איז גע־ ווען אַ קונציגער קריטיקער, אַ געדאַנקען־אַקראָבאַט און האָט אויס־ געצייכענט פערשטאַנען די קונסט צו מאַכען פערשיעדענע געדאַנ־ קען־שפּרונגען. אין זיינע בעציהונגען צו פרויען, איז ער אַן אונבע־ זיעגבארער פערפיהרער געוועזען. ער האָט קיינמאָל אין דער ליעבע קיינע נדבות ניט געבעטען, אפילו ניט קיין פריינדליכען שמייכעלע פון זיי. ער האָט תמיד געוואוסט, אז דאָס ליעבע בעטלען קומט תמיד פון דער ווייבערשער זייט; ער האָט אויך געוואוסט, אז די פרויען, סיי די, וואָס זוכען די ליעבע אויף דער גאַס, און סיי די, וואָס שפּרייטען אויס זייערע נעצען אין די פּרעכטיגע סאַלאָנען, האָ־ בען תמיד צו איינפּאַכע גאַסען־רויבער זייער לייב און זייער ליעבע אוועקגעגעבען.

ער איז געווען אַן אַטאַשע (אַמטס־געהילפע פון אַ געזאַנדטען) פון אַ גרויסע איירָאָפּעאישע רעגיערונג, וואָס דאָס איז אין איין צייט אַ שטעלע פון אַ פּוסט־און־פּאַסניק און דאָך אַ גלענצענדע שטעלונג, אַ שטעלע, וואָס עפענט איהם די טהירען פון די רייכסטע און פאָרנעהמסטע סאַלאָנען, אַ שטעלע, וואָס גיט איהם זעהר פיעל רעכטע און פאָרדערט פון איהם ניט קיינע בעזונדערע פליכטען.

צו איינעם פון די בעריהמטעסטע קארנעוואַלס־בעלער אין קע־ ניגליכען שלאָס, איז ער צום ערשטען מאָל געקומען אין דער עפענט־ ליכקייט, און זיין קומען שפּעט ביינאַכט, ווי די האָף־עטיקעטע פער־ לאַנגט עס, האָט אויף זיך געצויגען גרויס אויפמערקזאַמקייט. זיין ערשיינען האָט געווירקט ווי דאָס ערשיינען פון דער שטראַהלענ־ דער זון אין אַ וואָלקענדיגען טאָג.

און נעבעל, קאַלטער נעבעל האָט געהערשט אין יענע סאַלאָנען, כאָטש זיי האָבען געגלאַנצט פון גאָלד און האָבען געשטראַהלט פון בריליאַנטען; כאָטש אין זיי האָבען זיך ארומגעטראָגען גאַנצע וואָל־ קענס פון די טהייערסטע פּארפומען. דער נעבעל האָט ניט געשטעקט אין דער לופט, זאָנדערן אין די מענער און אין די פרויען, וואָס האָ־ בען זיך געמוזט בעוועגען נאָך דעם טאַקט און דער קאָמאַנדאָ פון

אן אלטע עטיקעטע, וועלכע האט געצוואונגען די אויגען, די הענד, די פיס און אויך די שטימען זיך צו בעוועגען נאך א מיליטערישע דיסציפלין.

אלע יענע בעשעפענישען, די הערען און די דאמען, מוזען זיין מענער און פרויען און מוזען אויך לעבען. זיי מוזען זיך בעוועגען און לאכען און טאנצען; אבער די בעוועגונגען, דאס לאכען און דער טאנץ, אלעס מוז זיין אזוי מעכאניש און אהן יעדען געפיהל ווי ביי די פאפירענע, אדער הילצערנע פופען, אזוי אויטאמאטיש, וואס ארבייטען דורך א געוויסען מעכאניזם.

ווען מען קומט אריין אין אזא קעניגליכען גלענצענדען באל־סאלאן, האט מען דעם געפיהל אזוי ווי די אלע מענער און פרויען פון פערשיעדענעם עלטער, פון פערשיעדענעם וואוקס און פון פער־שיעדענעם ראנג און געזעלשאפטליכער שטעלונג, האבען אויף א העכערען בעפעהל נאר א י י ן פיזיאנאמיע אנגענומען, א פיזי־אנאמיע, וואס דריקט אוים הכנעה און צופריעדענהייט. יעדענפאלס איז דאך א גרויסע און א הויכע עהרע זיך צו בעוועגען אין א קעניג־ליכען פאלאץ, כאטש מען האט דאס רעכט דערצו.

וואס ער אנבעלאנגט צו דער פרויען־וועלט, זעהט מען אויף זיי ניט דעם ווארעמען טאן, וועלכען אמת׳ע, נאטירליכע לוסט און פרעהליכקייט רופען ארוים. אויף די הויפענס מיט וועלכע זיי זיינען אויסגעפוצט, אויף די רייכע סאמעטענע און זיידענע קליידער מיט די אפענע פלייצעס און ברוסט זיינען אין שטאנד זייערע בלייכע געזיכטער עטוואס ווארעמקייט צו געבען. דאס טהוען נאר די הייץ־אפאראטען, וואס שיקען זייער ווארעמקייט אין די סאלאנען. די מענשען שוויצען, אבער די אטמאספערע בלייבט אלץ קאלט; ווייל די זון פון ענטהוזיאזמום איז אין דרויסען געבליבען און די נאטיר־ליכע ליידענשאפטען האבען אין דעם אייז פון דער האף־עטיקעטע ניט געפונען קיין פלאץ, וואו זיי זאלען זיך קענען אוועקזעצען.

איצט שטעלט אייך פאר, וועלכען איינדרוק דאס ערשיינען פון אונזער איטאליענישען ארבעטער האט געמוזט מאכען אויף דער אייז־קאלטער דאמען־געזעלשאפט!

אין איין מאמענט האט זיך דער נעבעל אויפגעהויבען און איז

פערשוואונדען צווישען די פאלבען און דראפּעריייען פון די פאָרהאַנ־גען און פּאָרטירען, צווישען די קינסטליכע בלומען־וועלדלעך. מיט וועלכע דער באל־סאלאָן איז אַזוי רייך געווען אין אלע זיינע גע־וועלבען, און עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די סצענע וואָלט זיך איבערגעביטען פון אַ געגענד ביים אייז־מעער אין אַ סצענע פון אַ געגענד אונטער דעם הייסען עקוואַטאָר. די אויגען פון אלע יונגע פרויען האָבען זיך מיט איינמאָל אָנגעצונדען, אלע הערצער האָבען אָנגעהויבען העכער און שטאַרקער צו קלאַפּען, און אונזער אַטאַשע האָט באלד בעמערקט, דאָס ע ר האָט די טויזענד אויגען געמאַכט פלאַמען, און דאָס אלע האָבען אויף איהם דעם זונענשטראַהל פון אַ הייסען וואונש, פון אַ שמאַכטענדען פערלאַנג, געוואָרפען.

אָה, ווי זיי ברענען, ווי זיי פלאַמען, אָט די אלע בלאָנדע שעהנ־הייטען, ווי זיי ווינשען אלע פון זיינע נערוויגע און שטאַרקע אָרעמס ארומגענומען צו ווערען! ווי זיי פערלאַנגען אין זיין וואולקאַן פון ליידענשאַפט צושמאָלצען און פאַרברענט צו ווערען! ער, דער מאַן מיט זיינע פייערדיגע אויגען, מיט זיינע שלאַנגען־בעוועגונגען, מיט זיין טיגער־בּיס, נאָר ער קען דעם וואַהרען ליעבעס־גענוס שפּענ־דען!...

אלע דאַמען האָבען געוואָלט וויסען, ווער יענער אינטריגאַנט איז (געוויס מוז ער זיין אַן אינטריגאַנט, צום ווענינגסטען אין דער ליעבע), און אלע האָבען געוואָלט פּאָרגעשטעלט זיין פאַר איהם. די עלטערע דאַמען האָבען געהאָפט אינגער צו ווערען, ווען זיי וועּ־לען איהם נעהענטער זיין און וועלען זיין הויך איינאָטהעמען, און די אינגסטע פון זיי האָבען געוואָלט געדריקט ווערען פון זיינע אָרעמס, מיט איהם שוועבען איבער דעם פּאַרקעט און זיך בערוישען אין אַ ליידענשאַפטליכען וואַלצער. אָבער צום גליק פערלאַנגט די עטיקעטע פון די קעניגליכע באל־סאלאָנען, דאָס יעדער וואונש האָט נאָר דאָס רעכט צו ברענען, אָבער ניט צו ריידען. שטומע ליעבע איז דאָ נאָר ערלויבט, יענע ליעבע, וואָס האָפט און טרוימט...

די עלטערע דאַמען האָבען איהם ארומגענומען אין אַן ענגען קרייז און האָבען זיך מיט איהם אונטערהאַלטען מיט דער האָפנונג די יונגע, וואָס האָבען מיט איהם געוואָלט טאַנצען, ניט צוצולאָזען.

יעדעס וואָרט, וועלכעס ער האָט מיט זיי געשפּראָכען, האָבען זיי גע־פונען פאַר מערקווירדיג גייסטרייך, אין יעדע בעוועגונג פון זיין קערפּער האָבען זיי געפונען אַ גאַנצען ים פון חן, און זיין טיעפע מענליכע שטימע האָט אין זייערע אויערען געקלונגען ווי דער טאָן פון די אונזיכטבארע גלעקער, וואָס וועקען און רופען צו דעם העכ־סטען געגוס פון דער ליעבע.

אָבער לאַנג איז די אַלטע דאַמען ניט געלונגען איהם געפאַנ־גען צו האַלטען, דען כאָטש זייער קרייז האָט זיך מיט גראָבער אונ־פערשעהמטהייט אַלץ ענגער אַרום איהם געשלאָסען, האָבען די יונגע, די אונגעדולדיגע יונגע מיידלעך, דעם רינג דאָך דורכגעבראָכען און האָבען איהם פון די אַלטע קאָקעטקעס בעפרייט.

און ער האָט קיין מינוט רוה ניט געקענט בעקומען. אַלע ווייל־ע האָט ער זיך געלאָזט אוועק'גנב'ענען פון איינע צו די אַנדערע און האָט זיך מיט גרויס חשק בערוישט מיט די וואַרעמע קערפּערס פון די יונגע דאַמען, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין זיינע אָרעמס און האָט געפיהלט ווי די דאָזיגע יונגע קערפּערס ציטערען און צאַפּלען זיך פון אַ הייסער ליידענשאַפט. ער האָט קיין צייט געהאַט אויסצו־קלייבען און בעשטימען וועלכע פון זיי איז בעסער, שעהנער, ליעב־בענסווירדיגער און געניסבארער, און דאַרום האָט ער זיך געלאָזט פון אַלעמען, פון דער אַלגעמיינער בעוואונדערונג, אוועקרייסען. אין יענע מאָמענטען האָט זיין שטאָלץ און זיין אייגענליעבע מיט דאָ־פּעלטער שטאַרקייט ערוואַכט. זיין גליקליכע מענער־שטאַרקייט האָט ער בעטראַכט אַלס די בעסטע מתנה פון דער נאַטור, זעהענדיג ווי די אַלע בלאָנדע שעהנהייטען פערגעטערען זי ווי אַ הייליגטהום. ווער מאַכט אַן אונטערשייד צווישען בלומען, ווען אַ פריינדליכע האַנד דערלאַנגט איהם אַ בוקעט, צוזאַמענגעשטעלט פון שעהנע און דופטענדע בלומען?

אָבער נאָך אַ פּאָר שטונדען צייט, איז ער געקומען צום בע־וואוסטזיין, דאָס אונטער די דאָזיגע אַלע יונגע שעהנהייטען, וואָס האָבען אויף איהם גערעגענט מיט סימפּאַטיען און ליעבענסווירדיג־קייטען, מוז ער ענדליך אויסגעפינען איינע, וואָס איז הייסער פון אַלע אַנדערע, וואָס בעווייזט איהם יענע סימפּאַטהיע, וועלכע פער־

באַרגט אין זיך די העכסטע טאָנען פון נייגונג און ווייבליכער ליידענשאַפט.

און די דאָזיגע סימפּאַטיע, וואָס פערבאָרגט אין זיך די הייסע ווייבליכע ליידענשאַפט, האָט מיט איינמאָל ערגריפען אַ פאַרנעהמע האָף־דאַמע פון עדעלער וואונדער־שעהנער געשטאַלט. זי איז געווען בלאָנדער און בלאַסער פון אַלע אַנדערע און האָט אויף איהר געזיכט געטראָגען יענעם זיסען אויסדרוק פון שמאַכטענדער ווייכקייט, מיט וועלכען די מיטליידילע נאַטור פאַרדעקט די צייכענס פון דער אָבשטאַרבענדער יוגענד און לאָזט איהר מיט צעהן יאָהר אינגער ערשיינען. טאַנצענדיג מיט איהם, ווען ער האָט זי אין זיינע הייסע אָרעמס געהאַלטען, האָבען איהרע אָבגעקיהלטע און איינגעשלאָפענע חושים ווידער ערוואַכט, ווידער אויפגעפלאַמט און דער בריגאַנט (רויבער) פון ליעבע האָט באַלד געשפירט, דאָס ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אַן אויסגעלאָשענעם קראַטער פון אַ וואולקאַן, וואָס האָט זיך ווידער געעפענט און קען נאָך פון זיך וואַרפען גרויסע פייער־גאַרבען און לאַנגע שטראָמען פון קאָכענדיגען לאַווא.

כאָטש די ליניען און די פאָרמען פון איהר קערפּער האָבען נאָך קיין שיפּברוך ניט געליטען, אין יענעם אָבענד האָט זי געוואָלט נאָך שעהנער, נאָך רייצענדער און נאָך בעגעהרענדער זיין. עס האָט זיך איהר דורכאויס געוואָלט בערוישען און בעזיעגען דעם וואונדער־שעהנעם שטאַרקען מאַן. דאַרום האָט זי דעם געפיהל פון בושה אונטערדריקט, האָט אַלע רעגעלען פון דער האָף־עטיקעטע הינטער זיך געלאָזען און זיך דרעהענדיג מיט איהם אין אַ פייערדיגען וואַלצער, האָט זי איהם אין אויער אַריינגעשושקעט:

— מאָרגען אום פינף דעם זייגער זאָלט איהר זיך געפינען אין פּאָלקס־פּאַרק אויף דעם פּלאַץ, וואו עס קרייצען זיך די פיער אַלעען. דאָרט וועט אויף אייך וואַרטען אַ קאַראָסע מיט בלויע רעדער און געשפּאַנט מיט צוויי געלבע פערד. איך האָב אייך איבערצוזעגען אַ געהיימניס, וואָס איז זעהר וויכטיג פאַר דער פּאָליטיק פון דעם לאַנד, פון וועלכער איהר זייט אַ פערטרעטער.

דאָס איז פאַר איהם אַ נייע און אַ פערפיהרערישע אוואַנטיורע געוועזען. דעם אַנדערען טאָג איז ער צו דער בעשטימטער שטונדע

אויף דעם בעשטימטען פלאַץ געוועזען. די קאראַסע מיט די צוויי געלבע פערד האָט שוין דאָרט אויף איהם געוואַרט. מיט איין שפּרונג איז ער שוין אין דער קאראַסע געזעסען.

ער האָט גאָר קיין צייט געהאַט זיין איבעררעשונג אין ווערטער אויסצודריקען, דען צוויי הענד, וואָס האָבען די שאַרלאַך־רויטע פּאַרהאַנגען פון דער קאראַסע טיעף איבער די פענסטער אַרונטערגעצויגען, האָבען איהם צערטליך אַרומגענומען און אין צווייטען מאָמענט האָט עס אויף זיינע ליפּען געדעגענט מיט קושען, פון וועלכע יעדער איינער האָט זיך געפּיהלט ווי א זיסער ביס. ער איז געווען בערוישט פון דער אונערוואַרטעטער איבערפליצונג פון דער ליעבע. דער דאָזיגער גענוס איז איבער איהם געקומען ווי א ווילדער אָרקאַן מיט דונער און בליץ.

אין די שטילע פויזען, וואָס קומען נאָך אַזעלכע שטורעמס, האָט די פאָרנעהמע דאַמע אָנגעפאַנגען ניט צו ריידען, נאָר צו שרייען. שרייענדיג האָט זי איהם ערקלערט די ווילדע ליידענשאַפט, וואָס ברענט אין איהר צו איהם און האָט געפאָדערט ער זאָל אַ ל ס מ א ן דעם דאָזיגען בראַנד אין איהר לעשען...

יענער יונגער מאַן איז געווען א בריגאַנט אין דער ליעבע; אָבער אַלעס, וואָס בעליידיגט גראָב די געזעצען פון דער נאַטור, האָט איהם אָנגעעקעלט. געפּאַקט פון א פּלוצלונגע פעראַכטונג האָט ער געשריען:

— אָה, דאָס ניט! דאָס ניט! אויך דו ביזט נאָר א חיה, ניט קיין מענש. נאָר די חיות מאַכען פון דער ליעבע און פון דער פרוכטבאַרקייט א י י ן זאַך. דער מענש אַליין האָט דאָס פריווילעגיום, די ליידענשאַפט פון דער בעפרוכטונג אָבצושיידען, דער מענש אַליין ווייס די בלום צו האָדעווען און איהר פרוכט ניט צו פערלאַנגען. דו ווילסט שפּיעלען די ראָלע פון א מ א ן? שעהן, זעהר שעהן, אָבער דו ביזט ניט קיין מענש... געה! געה, און פערגעס אויף אייביג, אַז דו ביזט מיט מיר בעקאַנט געוואָרען.

אויף א בעפעהל פון דער דאַמע, האָט דער קוטשער אָבגעהאַלטען די פערד און אונזער אַטאַשע האָט אויסגעשטייגט פון וואָגען. צום הונדערטסטען מאָל איז איהם איצט אין קאָפּ ווידער געקומען

דער געדאַנקען, דאָס דער געפיהל פון יעדער ווייב בעוועגט זיך תמיד צווישען צוויי ווייט ענטפערנטע עקסטרעמען הין און צוריק: זי קען זיין גוט ווי אַ מלאך און בייז ווי דער טייוועל, זי איז פעהיג צו דער גרעסטער העלדענטהאַט און אויך צום גרעסטען פערברעכען, אַמאָל ריהרען זיך אין איהר ברוסט די צאַרטעסטע רעגונגען פון געפיהל און ווידער אַמאָל קען זי בעגעהן די גרעבסטע אונפערשעהמטהייטען.

אויפ'ן מאַרק.—צוויי שטוב־מיידלאַך און אַ קעכנע.

אפט מאָל געה איך צום פערגניגען אויפ'ן מאַרק און זאַממעל מיר דאָרט פיעלע קאָסטבאַרע נאָטיצען איבער די פּסיכאָלאָגיע פון די קליינע אונבעדייטענדע מענשען ; דאָס איז ניט די פּסיכאָלאָגיע, ווי די פּראָפעסאָרען פון דער פילאָזאָפיע טראַקטירען זיי אין זייערע ביכער, זאָנדערן יענע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע דער מענש זעהט אין אַלטעגליכען לעבען, בעשרייבט זי ווי ער זעהט זי און פרעגט גאָר ניט, אויב דער מענש האָט אַ נשמה און צו איז די נשמה אונשטערבליך.

און ווען איך בעזוך אַ פרעמדע שטאָדט, מאַך איך אַ בעזוך דעם מאַרק און די קירכע, די צוויי פּונקטען, וואָס זיינען ווייט ענטפערנט איינער פון אַנדערען און ענטהאַלטען דאָך אין זיך דאָס אייגע און דאָס זעלביגע מענשליכע לעבען. איך געה מיר אַליין אָהן אַ פיהרער און אָהן אַ וועג־ווייזער, אַ „שפּאַציער אין דער פרייער לופט”, ווי די בעריהמטע שווידישע שריפטשטעלערין פריעדעריקע ברעמער זאָגט.

אויפ'ן מאַרק זעה איך באַלד, אויף וועלכע שטופע עס שטעהט די אַלגעמיינע היגיענע (געזונדהייטס־לעהרע, געזונדהייטס־פּפלעגע) — מען קען זאָגען די אָפיציעלע היגיענע — פון דער שטאָדט, און דאַן ערפאַהר איך, וואָס דאָס פאָלק עסט, און וואָס די הערשאַפטען עסען ; און פון דער קליידונג און פון די שמועסען פון די קעכינס, פון די קוכערס און פון די דיענסט־מיידלאַך, לערען איך צו קענען די זיטען פון דער דיענערשאַפט און פון די הערשאַפטען ; אַ פאָלק, וואָס לעבט צוזאַמען, כמעט שטענדיג אין האַס און אין קריעג. אַ חוץ דעם, איז דער מאַרק דער פּלאַטץ, וואו די ליעבע שפּינט און וועבט איהרע פערבאָרגענע און עפפענטליכע פעדים ; דאָרט זוכען זיךביידע געשלעכטער, דאָרט ווערען געבאָרען די גרויי־

סע און קליינע אינטריגעס, דאָרט ווערט די ווייב פערראַטהען פון איהר מאַן און דאָ פערקויפט די ווייב איהר לייב צו אַ פרעמדען מאַן. דאָרט הערט מען אַלע שטימען פון לשון־הרע און רכילות, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסען טהייל פון דעם מענשליכען לעבען.

אין אַ געוויסען טאָג בין איך אריינגעקומען אין דער הינטער־שטיבעל פון אַ פרויכט־קראָם, וואָס האָט בעלאַנגט צו אַן אַלטען פריינד פון מיר, און זיך אַוועקזעצענדיג אויף אַ זאַק מיט עפּיל, האָב איך דורך אַ גרויסען פענסטער געקענט בעאָבאַכטען דאָס פאַרביי־געהענדע פאָלק און הערען זייערע געשפּרעכען איבער זייערע הערשאַפטען, ווען זיי זיינען געבליבען שטעהן ניט ווייט פון מיר.

און דאָ האָב איך געהאַט דאָס גליק צו הערען אַ שמועס פון דריי פּערזאָן, וועלכע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דריי געוועהנלי־כע טיפּען פון אָרעמע מענשען, וואָס שטעהען אין דיענסט פון רייכע הערען.

— אַה, זעה נאַר! דו, פראַנציסקאַ, דו ביזט אויך אויפ'ן מאַרק?

— און דו, לואיזע? ווי קומסט דו אַהער?

לואיזע איז געווען אַ שעהנע שטוב־מיידעל און איז אונגע־פעהר צוויי און צוואַנציג, העכסטענס פיער און צוואַנציג יאָהר, אַלט געוועזען. אין איהר קליידונג האָט זי ווי אַ האַלבע דאַמע אויסגעזעהן, זי האָט אויף איהר קאָפּ אַ פעדער־הוט געטראָגען, וואהרשיינליך אַ הוט, וועלכען איהר דאַמע, ביי וועלכע זי האָט געדיענט, האָט שוין מעהר ניט געוואָלט טראָגען. איהר קלייד איז געמאַכט געוועזען פון אַ בלויען וואָלענעם שטאָף, מיט קליינע פּינטע־לאַך געפּינטעלט. זי האָט אויך געטראָגען אַ סך רינגען אויף איה־רע פינגער און אוירינגלאַך אין איהרע אויערען מיט פאַלשע שטיי־נער.

פראַנציסקאַ איז געווען אָרעמער געקליידעט, אָבער אינגער פון לואיזען, דערפאַר שעהנער און פרישער פון יענע. יעדע „פיינ־שמעקער" וואָלט איהר געוויס דעם „משפט הבכורה" אין דער ליע־בע געגעבען.

ל ו א י ז ע : „אויפ'ן מארק געהען האָך די קעבענס!“

פ ר אַ נ צ י ס ק א : „און דו, לואיזע? ביזט דו אפשר ניט קיין שטוב־מיידעל?“

ל ו א י ז ע : „איך קום אהער אין פּריוואט־אנגעלעגענהייטען“.

פ ר אַ נ צ י ס ק א : „און איך אין הערצענסאנגעלעגענהייטען“.

ל ו א י ז ע : „האָסט דו דאָ דיין געליעבטען?“

פ ר אַ נ צ י ס ק אַ : יאָ, איך האָב אַ ליעבשאַפט מיט אַ יונגען און שעהנעם בחור, ער איז אַ געהילפע פון יענעם פּיש־הענדלער, דער צווייטער, וועלכען דו זעהסט דאָרט לינקס שטעהן“.

ל ו א י ז ע : „און ער וועט מיט דיר חתונה האָבען?“

פ ר אַ נ צ י ס ק אַ : „איך גלויב אז יאָ; אָבער נאָר זעלטען קענען מיר זיך זעהן, נאָר אום זונטאג, און דאָס אויך נאָר אויף אַ פּאָאָר שטונדען צייט. היינט האָט מיר מיין מאדאם געשיקט עפּעס וואָס צו בעזאָרגען, און איך האָב די דאָזיגע געלעגענהייט בענוצט אהער צו קומען, אום איהם צו זעהן. איך מוז דיר זאָגען, דאָס איך ליעב איהם פון גרונדהאַרצען“.

ל ו א י ז ע (מיט אַ חיטרען שמייכעל): „זעה נאָר, ער זאָל דיך ניט אריינגנארען אין זאַק!...“

פ ר אַ נ צ י ס ק א (שטעלט זיך ווי בעליידיגט): „מענסט גאנץ זיכער זיין, לואיזע, אז ער וועט מיך אין זאק ניט אריינגנארען! איך בין ניט גרין אין דער ליעבע. ער איז ניט מיין ערשטער געליעבטער און איך קען די מענער זעהר גוט. אין אָנפאַנג זיינען זיי האָניג־זיס און שפּעטער — ביטער ווי גאַל. מעהר וויל איך מיך ניט לאָזען חאַפּען אין פּאַסטקע. איך האָב מיין אַלפאַנס זעהר ליעב און וויל פון איהם אַ בראַווען מאַן מאַכען. דאָס דיענען ביי לייטען שטעקט מיר שוין אין האַלז... אָבער זאָג מיר, לואיזע, וואָס טהוסט דו אויפ'ן מארק? אז איך האָב דיר מיין סוד פערטרויט, ווארום זאָלסט דו מיר דיינע סודות ניט פערטרויען?“

ל ו א י ז ע : „איך בין ניט וועגען אַ ליעבשאַפט אהער געקומען. איך געה צו מיינע אַ בעפריינדעטע גערטנערין, אום איהר

אביסעל געלד איבערצוגעבען, וועלכע פערלייהט אויף פראצענט. זי פערלייהט עם יענע דיענסט־מיידלאך, וועלכע דארפען אימער געלד האבען, אום זייערע ליעבהאבער אויסצוהאלטען. זי צאהלט מיר אכט פראצענט פאר מיין געלד... ווי דו זעהסט, איז דאס פאר מיר ניט קיין שלעכטער געשעפט און זיכער מיט מיין געלד בין איך אויך".

פ ר א נ צ י ס ק א : „הייסט עס : דו ביזט א פראצענט־ניצע !"

ל ו א י ז ע : „איך ניט, דאס איז מיין פריינדין. זי פער־לייהט דאס געלד מיט 20, מיט 30, אפטמאל אויך מיט 50 פראַ־צענט ; אבער דאס איז ניט מיין זאך און איך בין דערפאר ניט פעראנטווארטליך".

פ ר א נ צ י ס ק א : „קענטיג, אז דו מוזט זעהר פיעל פער־דיענען, ווען דו קענסט געלד אבשפארען".

ל ו א י ז ע : „אבשפארען קען איך נישט פיעל און פון דעם מאנאטליכען לויין, וועלכען איך בעקום, גארנישט. אבער אונזער הערר איז גוט, אזוי גוט צו מיר... ער מאכט מיר זעהר אפט פרע־זענטען, נאטירליך בשתיקה".

פ ר א נ צ י ק א : „דאס איז שעהן פון דיר, ווירקליך שעהן ! דו פיהרסט א ליעבע מיט דיין הערין".

ל ו א י ז ע : „א ליעבע ? ניין ; דען ער איז דאך פער־הייראט און דערצו א גרויסארטיגער הערר. אבער איך קען זיינע געוויסע שוואכע זייטען. זיין פרוי איז אלט און שטענדיג קראנק, ער אבער איז שטענדיג פעסט אויף די פיס, האטש ער איז שטארק גרוי. איך מיין, אז איך טהו קיינעם קיין שאדען מיט דעם, וואס איך פערשאף א ביסעל פערגעניגען יענעם אלטען ארעמען הערר, וואס לעבט מיט זיין פרוי אזוי, פונקט ווי ער וואלט גאר קיין פרוי געהאט. דורך מיר האט ער דעם פערגניגען ביי זיך צו הויז און דארף ניט געהן ערגיץ אנדערסוואו. אין מיר האט ער א פרוי, וואס איז געזונד און שטארק. מיין הערר זאגט מיר תמיד, אז מיין לייב איז ווי אויסגעגאסען פון מארמאר, און ניט נאר הארט און פעסט איז מיין לייב, מיין הויט איז אויך ווייס ווי מילך".

פ ר א נ צ י ס ק א: „שעהן פון דיר, לואיזע, זעהר שעהן!“

ל ו א י ז ע: „און איך מוז דיר זאגען, אז איך האב שוין 5,000 לירע אין דער שפארקאסע, און ווען עס וועט ווייטער אזוי געהן, וועל איך מיך אין עטליכע יאהר ארום אבזאגען פון דיענסט, וועל מיר אויסזוכען א יונגען מאן און מיט איהם וועל איך מיר מאכען אן אייגענעם געשעפט“.

פ ר א נ צ י ס ק א: „אבער דאמאלס וועסט דו דאך שוין אלט זיין!“

ל ו א י ז ע (לאכט): „הא! הא!... אלט!... א פרוי מיט דרייסיג יאהר איז ניט אלט, און ווען זי האט נאך דערצו אין קעשענע פון צעהן ביז פופצעהן טויזענד לירע, איז איהר גאנץ לייכט צו געפינען א מאן, וואס וויל מיט איהר הייראטהען. אין עטליכע יאהר ארום וויל איך אין מיין הויז א דיענסט־מיידעל האבען און איהר לאזען דורכמאכען אלע יענע ערניעדערונגען און אלע יענע יסורים, וועלכע איך האב ביי מיינע הערשאפטען דורכ־געמאכט... אבער גענוג דערפון! זאג מיר, פראנציסקא, וואס טהוסט דו איצט? ביי וועמען ביזט דו אין דיענסט? און צו האסט דו מענער דארט וואו דו דיענסט?“

פ ר א נ צ י ס ק א: „יא, צוויי מענער: דעם העררן און דעם יונגען הערר, זיין זוהן!“

ל ו א י ז ע: „פיהרסט דו אויך א ליעבשאפט מיט דיין העררן?“

פ ר א נ צ י ס ק א: ניין. דער הערר איז אן ערנסטער מאן און ער פערגעטערט זיין פרוי. ער קוקט זיך גארניט ארום אויף מיר און רעדט מיט מיר קיין ווארט. ער איז נאר אין זיין פרוי פערליעבט. אבער מיט דעם יונגען העררן, מיט דעם זוהן, האב איך מיך אין א ליעבשאפט פערבונדען; ער איז אונגעפעהר זיעב־צעהן יאהר אלט און איז אין מיר שטערבליך פערליעבט“.

ל ו א י ז ע: „אבער דו האסט דאך דיין געליעבטען אל־פאנס!“...

פ ר א נ צ י ס ק א: „אך, דעם אלפאנס האלט איך נאר

צום חתונה האָבען ! און מיט דעם יונגען הערר אונטערהאלט איך מיך"...

ל ו א י ז ע : „דאָס איז שלעכט פון דיר, פראנציסקא, זעהר שלעכט ! פון אזא אויפפיהרונג קענסט דו נאָר גרויסע צרות ער־ווארטען. אונזערע יונגע הערען בינדען אָן מיט אונז ליעבשאַפ־טען, אום זיך צו אונטערהאלטען, און שפעטער ווארפען זיי אונז אַוועק. ניט נאָר זייער געוויסען פלאָגט זיי ניט ביי דעם געדאַנקען, דאָס זיי האָבען אונז רואינירט ; זיי האָבען נאָך די פרעכהייט אונז „פּראָסטיטוטקעס" אָנצורופען".

פ ר א נ צ י ס ק א : „מיט מיר קען דאָס ניט טרעפען, ווייל איך האָב גענוג ערפאהרונג אין די זאכען, און איך לאָז מיך ניט האַפּען אין נעטץ. מיין יונגער הערר איז אונשולדיג ווי וואסער און איך בין זיין ערשטע ליעבע. אַלע אַנדערע מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע זיינען פרומע און גאָטספירכטיגע לייט. זיי האָבען איהם געלאָזט ערציעהען פון גלחים און פון נאָנען, און זיי גלויבען, אז ער וויים נאָך ניט דעם אונטערשיעד צווישען זכר און נקבה... איך בין עס, וועלכע האָט איהם געלערנט דעם אונטערשיעד צו וויסען, און יעדען טאָג לערן איך איהם עטוואָס נייעס. ער רופט מיך זיין „לעהרערין" און ווען ער דאנקט מיר פאר מיין אונטעררעכט, קושט ער מיך דערביי אזוי לאַנג, ביז איך בלייב אָהן אָטהעם. אין יענע מאָמענטען קען איך מיך ניט איינהאלטען פון געלעכטער, איך לאַך און איך אונטערהאלט מיך ווי א קעניגין..."

ל ו א י ז ע : „היט זיך, פראנציסקא ! דו שפּיעלסט א גע־פעהרליכען שפּיעל !"

פ ר א נ צ י ס ק א : „האָב קיין אנגסט, איך וויים וואָס איך מהו".

ל ו א י ז ע : „ער וועט דיר מאַכען א „שעהנע מתנה" !...

פראנציסקא האָט וואהרשיינליך ניט פערשטאַנען וואָס לואיזע מיינט מיט די ווערטער „א שעהנע מתנה" ; זי האָט ניט פער־שטאַנען, אז אין זיי ליעגט א ווארנונג פאר איהר.

פ ר א נ צ י ס ק א : „דער אָרעמער איינגעל ! ער האָט קיינמאָל ניט קיין סאָלדי אין זיין קעשינע, און ווען זיין פאַטער

שיינקט איהם ווען־ניט־ווען א סקודי (א קליינע איטאליענישע מטבע), דאן נעהמט ער אב חשבון ביי איהם אויף וואס ער האט יעדע סענטעסימא אויסגעגעבען. מיין יונגער הערר איז א פאַע־טישער ליעבהאבער. ער שיינקט מיר נאר בלומען בשתיקה און ווערט דערביי רויטה ווי אן אבגעקאכטער ראק. ער שרייבט מיר אויך בריעף אין פראזא און אין פערזען, וואס רופען ביי מיר ארויס א געלעכטער. אין די דאזיגע בריעף רופט ער מיך „זיין נשמה", „זיין אוצר", „די איינציגע פרייד פון זיין לעבען", ער שווערט מיר איי־ביגע טרייהייט און וויעדערהאלט מיר שטענדיג, דאס ער וועט מיט מיר חתונה האבען, ווען ער וועט מינדיג (גרויס־יעהריג) ווערען. אין א געוויסען טאג, אין וועלכען איך האב איהם א ביסעל מעהר ווי געוועהנליך געקושט, איז ער פאר פרייד שיער משוגע געווארען און האט מיר געמאכט דעם פארשלאג, מיט איהם נאך אמעריקא צו ענטלויפען. פון וואנען ער וואלט דערצו געלד גענומען, וויים איך ניט. איך פערזיכער דיר, ליעבע לואיזע, דאס איך האב פון דער זאך דעם גרעסטען פערגניגען פון דער וועלט".

לואיזע: „איך גלויב עס דיר; אבער וואס וועט זיין, ווען זיינע עלטערען וועלען די דאזיגע ליעבשאפט ענטדעקען און דיך פון הויז ארויסיאגען! האב דאס אין זינען און זוך דיר א הויז, וואו עס זיינען נישטא קיינע יונגע לייט, א הויז מיט אן על־טערען הערר, וואס האט ניט קיין פרוי, אדער אזעלכע, וואס איז אלט און קראנק. אזא הויז איז פאר אונז א גאלד־גרוב, א שטיק קאליפארניען... גלויב עס מיר, דיין פריינדין, וואס קען די וועלט מיט איהרע געפאהרען".

אין דעם אויגענבליק איז צו זיי א פופציג־יאהריגע ווייב צר־געגאנגען. זי האט ניט געהאט קיין הוט אויף איהר קאפ, אבער זי האט נאך געבליהט מיט איהרע רונדע און פעטטע גליעדער. נאך איידער זי האט אנגעפאנגען צו ריידען, האט מען שוין דורך איהר פערזענליכקייט אליין געקענט טרעפען, אז זי איז א קעכין.

ביידע מיידלאך האבען אין איין קול אויסגערופען:

— אה, זעה נאר, דאס איז דאך די „מאמע" ראזא!...

און די „מאמע" ראזא, נאכדעם ווי זי האט אויף דער בעגרי־סונג געענטפערט, האט אנגעהויבען:

— פון וואס רעדט איהר? איהר שטעהט שוין מעהר ווי א האלבע שטונדע ווי צוגעשמידט צום ארט. ווען איך בין פריהער דארט ביים פלייש־האקער (קצב) געוועזען, האב איך אייך שוין א לאנגע צייט געזעהן שטעהן און פלוידערנדיג; איך קען מיר שוין גאנץ גוט דיינקען, פון וואס איהר רעדט"...

פ ר א נ צ י ס ק א: „ניין, דאס ווייסט דו זיכער ניט! שטעל דיר פאר, לואיזע רעדט מיר צו, איך זאל מיך האלטען ביי די אלטע הערערן, און מיט די יונגע, ווי צום ביישפיעל, מיין יונגער הערר, זאל איך קיין מגע ומשא ניט האבען.

ר א ז א: „אה, וועלכע געשיכטען, וועלכע נארישקייטען! איך, ווען איך בין נאך יונג און שעהן געוועזען, האב ניט געפיהרט קיינע ליעבשאפטען מיט מיינע הערשאפטען, ניט מיט די אלטע און אויך ניט מיט זייערע זיהן, איך האב נאר געזוכט, אז איך זאל שטענדיג עפעס וואס האבען אין מיין קעשינע... איך זאל ניט דאר־פען זארגען אויף דער עלטער. איך גנב'ע ניט, איך נעהם נאר א געוויסען פראצענט פון די קיך־הוצאות ביים איינקויפען די פרא־דוקטען. אין געוויסע הייזער האב איך פון דעם נאר א לירע טעג־ליך געקענט מאכען; אבער דא, וואו איך דיען יעצט, האט זיך פאר מיר א שמאלץ־גרוב געעפענט, דא מאך איך צוויי, אפטמאל דריי לירע טעגליך. פראוועט מען ביי אונז א מאהלצייט פאר א סך געסט, מאך איך זעהר לייכט צעהן לירע. גלויבט מיר, מיינע טהייע־רע, אז די ליעבשאפטען מיט די הערשאפטען איז זעהר א געפעהר־ליכע זאך, און ארענטליך איז דאס אויך ניט. מיט וואס ענדיגען זיך אזעלכע ליעבשאפטען? זיי דריקען ארויס פון אונז דאס שעהנסטע און דאס בעסטע און ווארפען אונז אוועק ווי דעם שאַ־לעכץ פון אן אראנזש. אבער, אז מען קוקט נאר פאר דער קעשינע צו האבען, איז מען גוט פערזארגט. די לירעס זיינען זעהר פרוכט־באר, זיי קינדלען פונקט ווי לעבעדיגע מענשען, און אז מען פערלייהט

עס אויף פראָצענט, וואַקסט דער קאַפּיטאַל ווי אויף הייוועו...

ביידע שטוב־מיידלאַך האָבען צו דער דאָזיגער רעדע צושטי־מענד מיט זייערע קעפּ געשאָקעלט און האָבען אין איין אָטהעם און אין איין קול געענטפערט:

— מאַמאַ ראָזאַ, דו האָסט רעכט!...

איינע פון פינדעל־הויז.

מיט איהר פאטער און אויך ניט איהר מוטער האט זי גע־געקענט. זי איז געווען אן ארעמע בעשעפעניס אהן א נאמען, וועלכע זינדיגע ליעבע האט אויף דער וועלט געבראכט, און וועלכע די מענשליכע פהילאנטראפיע האט איהר אין שוטץ אויפגענומען. די זינדיגע ליעבע האט איהר א בלייענע מארקע מיט צוויי בוכשטאבען און מיט א געוויסען ציפפער אויפ'ן האלז אויפגעהאנגען *), און די פהילאנטראפיע האט איהר א נאמען, מילך און קליידער געגעבען. זיך האדעוועגדיג צווישען אנדערע ארויסגעזעצטע קינדער אהן א נאמען אין פינדעל־הויז, האט זי זיך קיינמאל ניט געקימערט, וואס זי האט ניט קיין פאטער, קיין מוטער און קיין היים, ווי דאס האבען יענע אנדערע קינדער, וואס לעבען ניט אין די פינדעלהייזער, ווייל זי האט נאר געקענט וויינען, אבער טרויעריג זיין האט זי ניט געקענט. האט זי זיך א מאל צו־וויינט, ווען זי איז הונגעריג געוועזען, אדער פון א פהיזישען שמערץ, האט איהר די נאטירליכע פרייליכקייט באלד איהרע טרעהרען אבגעטריקענט, אין א פאאר מינוט שפעטער האט זי שוין געקענט לאכען און טאנצען פאר פרייד.

אלס זי איז שוין אויסגעוואקסען געווארען, האבען איהר די בעאמטע פון פינדעלהויז אוועקגעשיקט אין א דארף צו פויערים, וועלכע זי האט מיט איהר שטענדיג לוסטיגע שטימונג פרייליך גע־

---

*) עס עקזיסטירט נאך היינט אויך אין איטאליען די אלטע זיטע, דאס קינדער, וועלכע זיינען פון זינדיגע ליעבע געבארען און ארויסגעזעצט אויף דער גאס, אדער אין א פינדעלהויז איבערגעגעבען, ווערען אפטמאל שפעטער פון זייערע עלטערן צוריקגענומען און אלס זייערע קינדער אנערקענט. צו דעם דאזיגען צוועק בינדען זיי צום האלז פון די ארויסגעזעצטע קינדער א בלייענע מארקע מיט די אנפאנגס־בוכשטאבען פון זייערע נעמען און מיט א געוויסען ציפער צו, דורך וועלכע זיי דערקענען זייערע ארויסגעזעצטע קינדער.

מאכט און מיט איהרע הענד ביי דער ארבייט אונטערשטיצט. און שטענדיג, צו זי האָט געארבייט אויפ'ן פעלד, צו זי האָט אויסגע־רוהט אויף דער לאָנקע, האָט זי נאָר געלאכט און געלאַכט. די שווערע ארבייט האָט איהר ניט מיעד געמאכט, זי האָט שטענדיג געפּלאַגט און געטהאָן ווען איהרע געביעטער זיינען דערביי געוועזען, און איז געווען פויל און אונגעהאָרכזאם, ווען זיי זיינען אוועקגע־גאנגען, ניט פאר בייזקייט, אָבער עקשנות, זאָנדערן פאר קונדס'עריי. און ווען זי פלעגט אוועקוואָרפען די ארבייט, פלעגט זי לאכען און חלומ'ען פון נייע קונדס'ערייען, וועלכע זי האָט זעהר ליעב געהאט אנצוצעטלען, כדי זי זאָל ווידער האָבען פון וואָס צו לאכען.

דער טרוקענער ברויט איז איהר קיינמאָל ניט צו־הארט געווע־זען און האָט אויך קיינמאָל ניט מקנא געווען דעם וויין, וועלכען אנדערע האָבען געטרונקען, און וועלכען מען האָט איהר קיינמאָל ניט געגעבען. האָט זיך א מאָל א געדאנקען פון קנאה אין איהר ווילד־צושויבערטען קאָפּ ארייגגע'גנב'עט, האָט זי איהם באלד ווייט, גאנץ ווייט פון זיך פעריאָגט, ווייל דער מאָראלישער שמערץ האָט איהר ניט וועה געטהאָן, ער איז פאר איהר א טויטער בוכשטאב גע־וועזען. זי איז דערצו געבאָרען, שטענדיג צו לאכען, זיך צו לאָזען פיהרען פון דעם ווינד, פון וועלכע זייט ער זאָל ניט בלאָזען, און פון די ווערטער פון די מענשען. וואָס בעפעהלען, אויך פון דעם געזאנג פון די פויגלאך און פון דעם אינסטינקט, וועלכער האָט איהר אין בעשטימטע שטונדען געזאָגט: „עס, טרינק און שלאָף“. אויף איהר האָט מען מיט זיכערהייט געקענט זאָגען, אז זי איז א קינד פון געדאנקענלאָזע עלטערן, וועלכע האָבען זיך אין איינער און דערזעלביגער שטונדע געזאָגט: „לאָמיר זיך ליעבען“, אָהן געזעטצביכער, און אָהן גלחים, אָהן געוויסענסביסע און אָהן שעהמעריי. און די פרוכטבארע נאטור האָט פון צוויי געדאנקענלאָ־זיגקייטען געמאכט א דריטע.

פיינע און גאנצע קליידער האָבען ביי איהר קיינמאָל קיין וויכטיגע ראָלע געשפּיעלט, און מיט דעם אויסרייד, אז זיי זיינען צו־וועניג, אָדער צו־קורץ — קליידער האָבען קיינמאָל ניט געקענט הארמאָניערען מיט איהר וואוקס, ווייל זי האָט האסטיג געוואקסען

— פלעגט זי די קליידער, וועלכע מען האָט איהר געגעבען, אויף זיך צוזאַמענדרעהען און צוזאַמענשפּיעלעווען אבי ווי. אַם ליעבס־טען וואָלט זי בעסער נאַקעט און מיט אויפגעבלאָזענע האָאר אַרומ־געגאַנגען, און זי איז קיינמאָל ניט אַזוי גליקליך געווען ווי אין אַ געוויסען טאָג, ווען זי איז געוועזען איינע אַליין אין וואַלד, וואו זי האָט פון זיך די העמד אַרונטערגעוואָרפען און האָט זיך אין אַ בלאָטיגען טייכעל אויסגעבאָדען.

אָבער די בליי־מאַרקע האָט זי קיינמאָל ניט אויסגעטהאָן. ביי טאָג און ביי נאַכט האָט זי איהר אויפ'ן האַלז געטראָגען, ווייל מען האָט איהר ערקלערט, וועלכען ווערטה די מאַרקע קען אַ מאָל פאַר איהר האָבען.

— ווען מען האָט דיר די מאַרקע צו דיין האַלז צוגעבונדען, ווען מען האָט דיך צום פינדעל־הויז געטראָגען — האָט מען איהר ערקלערט — האָט מען דאָס געטהאָן מיט דער אבזיכט, דיך פריהער אָדער שפּעטער פון דעם פינדעל־הויז צוריק צו דיינע עלטערן צו נעהמען. ווער ווייס, אויב דו ביזט ניט אַ קינד פון אַ גרעפין און פון אַ מאַרקיז, ווער ווייס, אויב דו וועסט ניט אַ מאָל אַרומפאָהרען אין אַ עלעגאַנטען עקיפּאַזש?

זי פלעגט אויף דעם ענטפערען מיט אַ געלעכטער, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט געקוקט אויף דער מאַרקע. דערפאַר אָבער האָ־בען די פּויערים זעהר אָפט די מאַרקע בעטראַכט, און ווען דער פּאָדים, אויף וועלכען די מאַרקע איז געהאַנגען, איז אַלט און אונ־האַלטבאַר געוואָרען, פלעגען זיי איהם פערבייטען מיט אַ נייעם שנירעל.

אין אַ געוויסען אבענד, ווען מען האָט היי געקאָסעט, האָט זי מיט איהרע חבר'טעס און חברים אויף דעם היי זיך געשפּיעלט, אַרומגעשפּרונגען און אַרומגעטאַנצט, פון וואָס דער שנירעל האָט זיך איבערגעריסען און די מאַרקע איז פערלאָרען געוואָרען. ווען זי איז געקומען צום אבענד־מאָהלצייט אַהיים, האָבען די פּויערים איהר באַלעבאָס און באַלעבאָסטע, דעם פערלוסט גלייך בעמערקט.

זיי האָבען געשריען, געלאַרמט און געשאָלטען און אַלע גראָבע פּויערשע בעליידיגונגען האָבען אויף איהר קאָפּ געהאָגעלט. מען

האט איהר קלאר געמאכט, אז מיט דעם פערלוסט פון דער מארקע, האט זי איהר גאנצע צוקונפט פארשפיעלט; די מארקע איז געווען איהר איינציגע האפנונג, דער צויבערהאפטער טאליסמאן (קמיע), וואס האט געהאט די קראפט אין איין שטונדע צייט זי גליקליך און רייך צו מאכען... מיינט איהר אפשר, אז זי האט געוויינט? חלילה! זי האט אנגעהויבען צו לאכען, הערצליך צו לאכען. זי האט גאר ניט פערשטאנען צו וואס מאכט מען דערפון אזא וויל־דען ליארם? „איך האב געשטיפט און געשפרונגען אין דעם היי, איך האב מיך פון עטליכע בערגלאך ארונטערגעקייקעלט. דער פאדים האט זיך איבערגעריסען און די מארקע איז פערלארען גע־וארען. מארגען וועל איך זי געווים געפינען". מיט די ווערטער האט זי דעם ליארם געוואלט בערוהיגען.

מען האט נאך היינט געוואלט געהן זוכען די מארקע, אבער די נאכט איז געווען צו פינסטער און מען האט דאס אבגעלייגט אויף מארגען אין דער פריה. דאס איז אבער געווען ארויסגעווארפענע ארבייט, מען האט די מארקע ניט געפונען און די פויערים האבען דערפון גרוים שברות־הלב געהאט. דער פערלוסט פון דער מארקע, האט זיי א גרויסע האפנונג פערניכטעט. זיי זיינען זיכער געווע־זען, אז פריהער אדער שפעטער וועלען קומען די עלטערען אבנעהמען זייער פערלארענע טאכטער און וועלען זיי רייך בעצאהלען פאר די גאנצע צייט, וואס זיי האבען זייער קינד ביי זיך געהאלטען.

די פאלגען פון דער דאזיגער פערלארענער האפנונג, האט דאס ארעמע קינד פון פינדעל־הויז אויף איהר פלייצע געמוזט טראגען. מען האט זי בעליידיגט, געשאלטען, געשלאגען און זעהר פיעל פאר־קלענערט די חלקים, ווען מען האט איהר עסען געגעבען.

אבער זי האט זיך געמאכט אזוי ווי זי בעמערקט דאס ניט. נאר זעלטען האט זי פאר די גראבע בעהאנדלונג מיט א פאאר ווער־טער פראטעסטירט און האט ווידער געלאכט אויף איהר שטייגער. ביי איהר איז אויסגעקומען, אז זי דארף זיך ניט מצער זיין וועגען א זאך, וואס איז שוין פערפאלען.

די מארקע איז געווים דורך דעם אקער־אייזען אין דער ערד פאראקערט געווארען, און אין יאהר 3000 וועלען די ארכעאלאגען,

וואס וועלען זי געפינען, האבען שווערע ארבייט דורך לאנגען סטו־דירען דעם סוד, וואס ליעגט אין איהר בעהאלטען. ווי גאנץ אנ־דערש וואלט זיך דאס לעבען און די צוקונפט פון דעם ארעמען קינד געשטאלטעט, ווען מען וואלט די מארקע צו דער רעכטער צייט גע־פינען!

א יאהר נאכדעם ווי די מארקע איז פערלארען געגאנגען איז אין פינדעל־הויז א פערשלייערטע דאמע געקומען, און האט ערקלערט, דאס איהרע א רייכע פריינדין האט איהר געגעבען דעם אויפטראג אויפצוזוכען אין פינדעל־הויז יענע מיידעל, וועלכע מען האט מיט צוועלף יאהר צוריק, אין מאנאט נאוועמבער, אין פינדעל־הויז אי־בערגעגעבען. איהר פריינדין, האט זי ווייטער ערקלערט, געדיינקט זעהר גוט, דאס אויף דער מארקע, וועלכע דאס קינד האט אויף איהר האלז געטראגען, זיינען געוועזען אויסגעשניטען א ציפער און צוויי בוכשטאבען. דעם ציפער געדיינקט זי, דאס איז געוועזען א 9, אבער די צוויי בוכשטאבען האט זי פערגעסען.

אויס די דאקומענטען פון פינדעל־הויז האט מען ערפאהרען, אז אין דעם מאנאט נאוועמבער פון יענעם יאהר, האט מען אין פינדעל־הויז געבראכט צוויי קינדער. איינע מיט א מארקע, די אנדערע מיט א מעדאליאן, ביידע פון בליי. דורך א מערקוויר־דיגען צופאלען זיינען אויף ביידען די ציפפער 9 איינגעשניטען גע־וועזען, אבער די בוכשטאבען זיינען געוועזען גאנץ פערשיעדען. די מארקע האט געהאט די בוכשטאבען א. און ב. און די מעדאיללע די בוכשטאבען מ. און פ., און עס בלייבט אלזא די פראגע: וועלכע פון די צוויי קינדער ווערט איצט געזוכט?

די פערשלייערטע דאמע האט ביידע קינדער געוואלט זעהן. מען האט אונזער מיידעל פון די פויערים געבראכט, אבער זי האט די מארקע ניט געהאט. די אנדערע מיידעל האט געדיענט אין שטאדט ביי א שוסטער, וואס האט איהר געלערנט נייהען שיך אויף א נייה־מאשינע. די אנדערע איז געוועזען שעהנער און פיעל אנציה־ענדער פון אונזער מיידעל. די פערשלייערטע דאמע האט גע־גלויבט, אז זי איז זעהר עהנליך צו איהר פריינדין, אז זי איז געוויס איהר טאכטער, האט זי צוגענומען און האט זי אדאפטירט. אונ־

זער מיידעל איז געבליבען אין איהר עלענד און אין איהר פער־לאזענהייט ווי פריהער. דאס שיקזאל ערלויבט זיך אפטמאל אזעל־כע קאטאווסען מיט מענשען צו טרייבען און איז וואהרשיינליך מיט זיי גאנץ צופריעדען.

מיט דער צייט האט אין איהר אויפגעבליהט יענער פריהלינג, וועלכער קומט אויף דער וועלט אלע יאהר אין דעם מאנאט אפריל, און פאר דער פרוי קומט ער נאר איינמאל אין לעבען, אום איהר צייטיג צו מאכען. אויפ'ן לאנד און אין די דערפער איז ניט נויטהיג, דאס די מוטער זאל איהר טאכטער ערקלערען. דאס זי איז שוין צייטיג, ווייל דארט טרעפען צוזאמען די מיידלאך טאג־טעגליך, וועלכע האבען שוין ערפאהרונג און ווייסען שוין צו וואס די נאטור האט זיי בעשטימט. זיי קומען אויך צוזאמען מיט יונגע בחורים, וועלכע זיינען שוין מאראליש פערדארבען און פרעך, און פון זיי לערנען זיי ניט נאר די געשלעכטליכע סודות, זאנדערן זיי פערשטעהען שוין צו זינדיגען און ווייסען אויסגעצייכענט, ווי ווייט מען קען זינדיגען אהן געפאהר.

אונזער פינדעלקינד האט שוין מיט צעהן יאהר געוואוסט די בעשטימונג פון די געשלעכטער און די ארט און ווייזע ווי זיי וויר־קען, און מיט צוועלף יאהר וואלט איהר דער ליטעראט אקטאוו מיר־בא אוועקגעשטעלט אין דער רייהע פון די זאגענאנטע „האלב־מייד־לאך". ווען זי איז צו דער פאסחא (קריסטליכער פסח) געגאנגען צום גלח בייכטען (מתודה זיך זיין), האט זי שטענדיג איהרע ליעבעס־זינד פערשוויעגען, ווייל דאס האט זי ניט גערעכענט פאר א זינד; פאר א גרויסע זינד האט זי נאר די שוואנגערשאפט געהאלטען. איהרע פריינדינען האט זי שטענדיג געזאגט, דאס די ליעבעס־זינד זיינען איהר איינציגע פרייד, און עס קען גאר ניט זיין, אז דער ליעבער גאט זאל פאר א זינד בעטראכטען א זאך, וועלכע ער האט בעשאפען און פערבונדען מיט אזוי פיעל פערגעניגען. און אין א געוויסען טאג, אלס זי האט אויפ'ן פעלד געזעהן צווישען די זאנ־גען ווי דער גלח טהוט מיט איינע פון איהרע פריינדינען דאס, וואס איינפאכע זיהן פון די דארף־פויערים טהוען מיט די דארף־מייד־לאך, האט זיך אין איהר קאפ פעסטגעזעצט דער געדאנקען, אז דאס,

וואָס דער הייליגער מאַן ערלויבט זיך צו טהאָן, קען גאָר קיין זינד ניט זיין.

מיט זעכצעהן יאָהר איז זי אין שטאָדט אָנגעקומען אויף א שטעלע פון „א מיידעל אויף אַלעס", מיט אכט לירע מאָנאַטליכען געהאַלט, און לאַנגזאַם האָט זי אַלץ העכער געשטיגען מיט צעהן, צוועלף ביז פופצעהן לירע. זעהר אָפט האָט זי געמוזט בייטען די שטעללען, ווייל דורך איהר גערדאַנקענלאָזיגקייט און צושטרייטקייט, האָט זי טעלער און גלעזער אין מאַסען צובראָכען און פלעגט פער־געסען וואָס מען האָט איהר געהייסען טהאָן. די הערשאַפטען, ביי וועלכע זי האָט גערדיענט, האָבען זי גליעבט פאַר איהר פרייליכען טעמפעראַמענט, אָבער זי איז פאַר זיי צו־געפעהרליך געוועזען אי־בער איהר שמוטציגקייט און אונציכטיגקייט. אָפט, ווען זי פלעגט פון א שלעכטען הערר, אָדער פון א בייזע דאַמע, ביי וועלכע זי האָט גערדיענט, שלעכט בעהאַנדעלט ווערען, פלעגט זי אָנהויבען צו וויינען; אָבער דאָס וויינען האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען און האָט איהר ניט געשטערט רוהיג צו שלאָפען. זי האָט שטענדיג רוהיג און געשמאַק געשלאָפען, ווייל אויך אין שלאָף האָט זיי קיינע געראַנקען געהאַט.

ווען זי פלעגט געהן איינקויפען אויפ'ן מארק, פלעגען איהר נאָכגעהן יענע „פאַרטוכער־יעגער", וועלכע האָבען גרויס אַפעטיט געהאַט צו איהר יוגענד, און וועלכע האָבען פון איהרע קערפער־בעוועגונגען געשלאָסען, דאָס זי איז זעהר נאָכגיעביג... האָט זי געזעהן, אז קיינער פון די דאָזיגע חברה געהט איהר ניט נאָך, פלעגט זי זיך אויסזוכען איינעם, וועלכען זי פלעגט נאָכגעהן. מיט דעם גאַנצען אַרמוטה פון איהרע גערדאַנקען, מיט די שוואַכע קראַפט פון איהר הארץ, האָט זי שטענדיג געזוכט א מאַן, וואָס זאָל איהר ריי־כען קערפער־גענוס פערשאַפען...

איהר פערדאָרבענהייט האָט געוואַקסען מיט יעדען טאָג. זי האָט נאָר געהאַט דעם איינציגען וואונש איהר גענוס־בעדירפנים צו בעפריעדיגען, איהרע ליידענשאַפטען צו זעטיגען. איהר מאָראַל אין ליעבעס־אַנגעלעגענהייטען איז געוועזען די איינפאַכסטע פון דער וועלט, ווייל געוויסענס־פראַגען זיינען איהר פרעמד געוועזען און

די רעליגיאָן האָט איהר דערפון אויך ניט אָבגעהאַלטען. איהר שכל האָט איהר נאָר איין בעפעהל געגעבען: נ י ט מ ו ט ע ר צ ו ו ע ר ע ן. און זי האָט דעם דאָזיגען פערנונפט־בעפעהל געהיט ווי איהר אויג אין קאָפּ. זי איז געווען א „האַלבע מיידעל" און האָט געהיט דעם גרעניץ, וועלכען עס האָבען זיך געשטעלט אַלע היינטיגע מאָדערנע פרויען, דעם גרעניץ צווישען טוגענד און אויס־געלאַסענהייט, צווישען רייניהייט און פערדאָרבענהייט.

און ווייל זי האָט דעם דאָזיגען גרעניץ געהיט, האָט זי שוין קיין אורזאַך געהאט די צאָהל פון איהרע ליעבהאבער און פער־עהרער צו בעשריינקען. וואָס מאַכט עס אויס צוויי ליעבהאָבער, אָדער דריי, וואָרום אויך ניט פיער? וואָרום זאָל זי נאָר איינעם געבען דאָס רעכט אויף איהר ליעבע און ניט אַלעמען דאָס גלייכע רעכט? אויף דעם אופן האָט זי מיט איהר ליעבע געשווינדעלט, מיט אזוי פיעל פעהיגקייט, מיט אזא אונפערשעהמטהייט און מיט אזוי פיעל פערזענליכער זיכערהייט, דאָס אפילו די געאיבטעסטע אונטערזוכונגס־ריכטער האָבען זי בעוואונדערט.

האָט זי געליעבט די מענער, וועלכע זי האָט איהר לייב גע־געבען? געוויס; ווייל זי האָט זיך קיינמאָל ניט פערקויפט צו אַן אַלטען, אָדער צו א העסליכען מאַן. נאָר די שעהנע און די יונגע האָט זי בעוויליגט איהר ליעבע, אָבער זי איז אונפעהיג גע־ווענען איין איינציגען טריי צו בלייבען, ווייל עס האָט זיך איהר שטענדיג אויסגעדאכט, אז דער צווייטער איז בעסער פון דעם ערש־טען, דער פיערטער בעסער פון דעם דריטען, און ווייל עס איז איהר שווער געווען „ניין" צו זאָגען און איינעם אונגליקליך צו מאכען. אויך אין דער ליעבע איז זי געדאנקענלאָז געווען; זי האָט מיט איהר ווענען דעם אידעאַל פון געדאנקענלאָזיגקייט פאַרגעשטעלט.

ענדליך האָט זי דאָך געפונען איינעם אונטער איהרע פיעלע ליעבהאָבער, וועלכער האָט זי גאַנץ צו זיך צוגעשמידט און האָט זי געמאַכט פאַר א שקלאַפין פון זיין ווילען און פון זיינע קאַפּ־ריזען. אין א פּאָעטישע שטונדע — די ערשטע אין איהר לעבען — האָט זי זיך געזאָגט: „איך האָב ביז היינט קיינעם ניט גע־ליעבט, איך האָב נאָר קאַפּריזען געטריבען און געשווינדעלט, איך

האָב נאָר מיין א י י ג ע נ ע ם פערגניגען און מיין אייגענע בעפריעדיגונג געזוכט. ענדליך ווייס איך וואָס ליעבע איז!"

און זי האָט יענעם יונגען מאַן געליעבט מיט איהר גאַנצען קליינעם געהירן, מיט אַלע פליישיגע פעדים פון איהר טהיערישע הארץ. ער איז געווען יונג און פון זעלטענער שעהנהייט, האָט זיך געקליידעט ווי אַ דזשענטעלמען, חאָטש ער איז דאָס ניט געווען, ער האָט אויף איהר זעהר פיעל געלד אויסגעגעבען, חאָטש ער האָט קיינמאָל קיין אייגענע סאָלדי געהאַט. ער האָט ניט געהאַט קיין בעשעפטיגונג, אָבער ער האָט געהאט דעם טאַלאַנט פון אַלעס צו ערווערבען, אויך די קונסט מיט גרויס טאַקט צו גנב'ענען. פון אַכט ביז צעהן מאָל איז ער שוין צו שווערע קערקער־שטראָפען פעראור־טהיילט געוועזען. די הויפט־קוועלע, פון וועלכע ער האָט זיינע געלד־מיטלען געשעפט, איז געווען: דיענסט־מיידלאך און קע־כינס און זיך פערליעבט צו מאַכען, אָפט מאָל אויך אַן אָבגעבליהטע און צורונצעלטע דאַמע פון די הויכע פענסטער, וואָס פלעגט אויס־פאָהרען אין אַ עלעגאנטען עקיפאַזש. זיינע געליעבטע האָט ער קיינמאָל גאָרנישט געגעבען, דערפאַר אָבער האָט ער ביי זיי שטענ־דיג גענומען, כלומר'שט אויף באָרג, אָבער פון צוריק בעצאָהלען. האָט ער ניט געוואוסט.

שוין גלייך אין דעם ערשטען טאָג, אין וועלכען די ליעבע איז צווישען זיי אָנגעקניפט געוואָרען, האָט ער פון אונזער גערדאנקענ־לאָזען איהרע אָבגעשפּאָרטע צוויי הונדערט לירע בעקומען. שפּעּ־טער האָט זי איהם אויך איהרע פערדיענסטען אוועקגעגעבען און פלעגט איהם אויך קויפען בלומען, נאָדלען און פיינע האלז־בינדען.

און ווי שטאָלץ זי איז געווען מיט דער ליעבע פון דעם דאָזיגען יונגען מאַן! ווען זי פלעגט איהם זעהן געהענדיג איבער דער גאַס, פלעגט זי זיך אוועקלייגען אין אָפענעם פענסטער און מיט ענט־הוזיאַזמוס און מיט אַ הויכען קול פלעט זי אויסרופען: „ווי שעהן ער איז! אַך, ווי שעהן ער איז!"

און דאָס האָט איהר דאָך ניט אָבגעהאַלטען אָנצוקניפען אַ פער־העלטנים מיט דעם קאַמער־דיענער פון הויז, אין וועלכען זי האָט געדיענט, ניט אויס ליעבע, נאָר אויס איהר גוטסקייט, אויס מיטלייד

און אוים אויסגעלאסענהייט. און זי האט קיין געפיהל פון געווי־סענסביסע דערביי געפיהלט. אין געוויסע מאמענטען, ווען זי האט דעם קאמער־דיענער אין איהרע ארעמס געהאלטען, פלעגט זי צו־מאכען איהרע אויגען זי זאל איהם ניט זעהן און פלעגט זיך איינ־בילדען, דאס זי האט אין איהרע ארעמס יענעם איינציגען, וועלכען זי ליעבט.

דאן איז דאס געווען צום ערשטען מאל אין איהר לעבען, ווען זי האט דעם פערלוסט פון איהר בלייענע מארקע בעוויינט. ווען זי וואלט היינט די מארקע געהאט, וואלט זי אפשר רייך געוועזען און וואלט געהאט די מעגליכקייט איהר גאנצעם רייכטהום דעם געליעבטען אוועקצוגעבען.

ווי די נאטוראליסטען, וואס זיינען פערליעבט אין א „פיינעם מיין", האב איך די דאזיגע ארעמע בעשעפענים אין אלע גראדען פון איהר ענטוויקלונג שטודירט און איבעראל בעגלייטעט, און בין גליקליך זי צו זעהן פערהייראט מיט א יונגען מאן, וואס האט זי בעוואונדערט און אמת געליעבט. ער האט מיט איהר געזעצליך חתונה געהאט, און זי איז געווארען זיין השגחה, זיין פריינדין, זיין געליעבטע, כמעט זיין מוטער.

אויך אין דער פערדארבענסטער הארץ פון א פרוי ליעגט נאך דער ניט פארטריקענטער רעסט פון אמת'ע ליעבע, און יענע פינ־דעל־קינד, וואס האט ניט געהאט קיין פאטער און קיין מוטער, און וואס האט יאהרענלאנג פון דער ליעבע נ א ר די גראבע ליידענ־שאפט געוואוסט — האט געפונען א מאן, פאר וועלכען זי לעבט, וועמען זי האט א זוהן געבארען. ענדליך איז איהר אויך געלונגען איהם טריי צו בלייבען, ווייל די אנדערע פון פריהער זיינען פאר איהר נאר חברים אין דער גראבער ליידענשאפט געוועזען. דער איז איהר מאן און דער פאטער פון איהר קינד.

ווען זי זאגט „מיין מאן" אונטערשטרייכט זי די ווערטער מיט אזא שטאלץ, מיט אזא ליעבפולע בעדייטונג, דאס אין יענעם מאַ־מענט שטראהלט איהר געזיכט אין שעהנהייט און ווירדע. עס איז ביי מיר זיכער, אז זי וועט איהרע קינדער אין פינדעל־הויז ניט אוועקגעבען.

דיענער זיינען מיר, יאָ, אָבער...

די קעכין און די שטוב־מיידעל זיינען געזעסען אין קיך און האָבען זייער מאָרגען־קאַפּע געטרונקען.

מאַריאַנע, די קעכין, איז געווען א רוהיגע, פּראָסטע און נאַרישע פרוי אין די פופציגער יאָהרען. זי האָט געהאט גרויע האָאָר, א רויטע נאָז און האָט זיך זעהר נאַכלעסיג געהאַלטען, ווייל זי האָט שוין קיינע אויסזיכטען געהאט אירגענד וועלכע מענער־הארץ צו בעזיעגען און געפאַנגען צו נעהמען.

פּלוצלונג האָט זי די לעפעלע פון האנד אַוועקגעלייגט און האָט אויסגערופען:

— אָבער אננאַ, הערט איהר דען ניט ווי די מאַדאַם קלינגט? זי קלינגט שוין צום צווייטען מאָל.

— איך האָב עס געהערט, איך האָב עס געהערט — האָט אננאַ, די שטוב־מיידעל געענטפערט — אָבער איך וויל, אַז זי זאָל צום ווייניגסטען דריי מאָל קלינגען...

— אָבער וואַרום? וואַרום ערגערט איהר שטענדיג די גוטע פרוי?

— ווייל עס מאַכט מיר שפּאַס זי צו ערגערען. איהר, מאַריאַנע, איהר ערגערט זי חאָטש איינמאָל צום ווייניגסטען, וואו איך ערגער זי צעהן מאָל!

— יאָ! איהר שטובענמיידלעך, איהר זייט פול מיט גאָל, וועלכען איהר מוזט יעדען אויגענבליק אויסשפּריצען, ניט וויסענדיג פון דער געפאהר, דאָס איהר קענט שטאַרבען פון אייער אייגענעם גיפט.

— און איהר שטעלט זיך שטענדיג אויף דער זייט פון דער הערשאַפט, אנשטאָט זיך צו שטעלען אויף מיין זייט. זיינען מיר דען ניט צוזאַמענגעבונדען מיט איינע און דיזעלביגע קייט?

דזין ! דזין ! דזין !...

— נא, אָט האָסטו, אננא, דאָס איז שוין צום דריטען מאָל ווי מען רופט דיך !

אננא האָט רוהיג איהר קאפּע אויסגעטרונקען, איז לאנגזאם פון קיך ארויסגעגאנגען און געהענדיג איבער די טרעפּ, האָט זי צו דער קעכין געזאָגט :

— איך געה און קום באלד צוריק, ווייל איך וויל פאָרטזעטצען אונזער געשפּרעך...

באלד איז זי צוריקגעקומען און דער געשפּרעך איז פאָרטגעזעצט געוואָרען. דאָס איז געוועזן א וואהרער דועל צווישען צוויי ריכטונגען פון ווייבערשער פּסיכאָלאָגיע.

— א פּנים, אננא, אז עס מאכט אייך גרויס פרייד, ווען איהר האָט א געלעגענהייט אונזער מאדאם בייז צו מאכען ?

— יאָ, עס מאכט מיר זעהר פיעל פרייד, ווייל די הערשאפטען זיינען טיראנען און טרעטען אונז יעדען אויגענבליק מיט די פיס, אָפטמאָל זידלען און פּאטשען זיי אונז.

— אָבער אונזער מאדאם איז דאָך אזא גוטע, און עס וואונדערט מיך, פון וואנען נעהמט זי אזוי פיעל געדולד אייערע בייזע געזיכטער און אייערע גראָבקייטען איבערצוטראָגען...

— יאָ, זי איז טאקע א גוטע, אָבער זי דארף ליידען פאר די מאדאמען, וואָס זיינען שלעכט און בייז. און אין גרונד גענומען איז זי דאָך אויך א מאדאם, א געביעטערין, און פערלאנגט פון מיר גאנץ איבערפליסיגע און ערניעדריגענדע זאכען. ווייסט איהר, צום ביישפּיעל, וואָס זי האָט מיט איהר דריי מאָל קלינגען פון מיר פערלאנגט ? זי האָט געוואָלט איך זאָל איהר זאָגען ווי שפּעט עס איז...

— אָבער ווען דאָס דיענען איז אייך אזוי אונערטרעגליך, וואָרום דיענט איהר דען ? איהר קענט נייהען און אויסגעצייכנט צו־שניידען. איהר האָט געקענט ווערען א שניידערין, ארבייטען אין פרייהייט און רוהען אין פרייהייט. איהר האָט גאָר ניט נויטהיג צו זיין א שקלאפען צו דעם ווילען און צו די קאפּריזען פון די הערשאפטען.

— ווילט איהר, מאריאננע, וויסען ווארום איך דיען ? איך וועל אייך דאס זאגען : ווייל די חזיר'שע תאוה שטעקט ביי מיר אין גארגעל. איך וויל גוט עסען און נאך מעהר גוט טרינקען. מיין פאטער איז א פויער און האט מיך געקארמעט מיט קאשע פון קאס־טאניען און צום טרינקען האט ער מיר איינפאכע ברונים־וואסער געגעבען. ווען איך טראג פרוכט צו אונזער הערר מארקיז און ווען איך שפיר דעם פיינעם גרוך פון דעם פרעכטיגען בראטען אין אונ־זער קיך, געהט דאס מיר דורך דער נשמה, און איך האב מיר גע־שווארען, אז איך מוז עסען יענע גוטע זאכען, וואס קיטצלען מיר אזוי אנגענעהם אין נאז.

— עס פרעהט מיך זעהר, וואס מיינע געקעכטסען און בראַ־טענס שמעקען אייך גוט, ליעבע אננא ! — האט די קעכין שטארק געשמייכעלט צו איהר געזאגט.

— און טאקע נאר צוליעב דעם בלייב איך דא אין דיענסט, חאטש די מאדאם האט מיר שוין צעהן מאהל געהייסען געהן. צווי־שען מיר און איהר הערשט א שטענדיגער קאמפף. וועלכען מיר ביידע דריקען אוים מיט זידלערייען און סטראַשונקעס איינע גע־גען די אנדערע ; אבער פון יענער צייט אן, ווען איהר עלטערער זוהן איז קראנק געוועזען און איך האב איהם גוט בעדיענט, איז זי צו מיר פריינדליכער און נאכזיכטיגער געווארען און האט מיר געוויסע פון מיינע גראבהייטען מוחל געוועזען. און דאך, וואס בעסער און וואס פריינדליכער זי בעהאנדעלט מיך, אלץ ערגער פאר־קרים איך מיין פנים גענען איהר, איך ווידערשפרעך איהר אין אלעם, וואס זי זאגט מיר און לאז איהר דריי־פיער מאל קלינגען, ווען זי רופט מיך, און ווען זי פרעגט מיך, ווארום בין איך נאך דעם ערשטען קלינגען צו איהר ניט געקומען, זאג איך איהר א תירוץ, אז איך בין אין קעלער געוועזען און האבען איהר קלינגען ניט געהערט, אדער איך געפין אוים אן אנדער אויסרייד. אין מיינע אויגען איז זי ניט בעסער פון אלע אנדערע הערשאפטען, און ווען איך בעהאנדעל זי גראב און שלעכט, נעהם איך מיט דעם נקמה פאר אלע דיענסט־מיידלאך, וועלכע האבען ניט דעם מוטה מיט זייערע הערשאפטען זיך אבצורעכענען אויף מיין שטייגער...

— ליעבע אננא, איהר זייט שלעכט...

— ניין, איך בין ניט שלעכט. שלעכט זיינען די דיענסט־מיידלאך, וואס גנב'ענען, אדער וואס פערדארבען די קינדער פון זייערע הערשאפטען, אדער וואס פערקניפען ליעבעס מיט די מענער הינטער דעם רוקען פון זייערע פרויען. איך טהו ׳ אס ניט. איך בענוגען זיך מיט דעם, וואס איך ערגער זיי, קרים זיי איבער און ווידערשפרעך זיי ביי יעדער געלעגענהייט.

* * *

איך האב די דאזיגע אננא געקענט, און האב זי שטודירט אלסביישפיעל פון יענע דיענער, וואס פראטעסטירען געגען זייערע הער־שאפטען מיט בעהאלטענעם און אפענעם שפאט. און איהר לאכען האב איך געזעהן די וויניג בעקאנטע פארמען פון שפאט, וועלכע די מענשען בעזיצען.

די דאזיגע אננא האט שטענדיג געלאכט, און דער דאזיגער געלעכטער איז אין די נערוועז און אין מוסקעלען פון איהר געזיכט איבערגעגאנגען. אויך אין שלאף האט זי תמיד געלאכט.

דאס איז געווען א געלעכטער, וואס לאזט זיך שווער בעשריי־בען; ווייל ער פלעגט שטענדיג פון א גאנצע מאססע ערגעגונגען ארויסגערופען ווערען, יענע ערגעגונגען פלעגען ארויסקומען פון פערשיעדענע פונקטען פון איהר נשמה, פלעגען זיך בעגעגענען און זיך פעראייניגען צו א געוויסע גרימאססע. איך זאג „גרימאססע", ווייל דער לאכעדיגער אויסדרוק פון איהר פנים האט אין זיך גע־טראגען א געוויסע קאלטקייט און האט אבשטויסענד געווירקט אין גענענזאטץ צו יעדען אנדערען מענשליכען געלעכטער, וואס ווירקט על פי רוב אנשטעקענד און רופט ארוים סימפאטיע און פרייד.

אננא'ס געלעכטער איז ניט נאר קאלט געווען, ער איז אויך געווען ביטער, ביטער ווי חינין, וועמענס געשמאק עס האלט אן א לאנגע צייט און ס'איז במעט אונמעגליך איהם צו מילדערן. ווען איך פלעג איהר א קוק טהאן, פלעגט באלד אין מיר אויפשטייגען א פערדאכט ווי פאר א הונד, וועלכען מען קען ניט און וועלכער ביללט ניט. האט מען צו טהאן מיט א אונבעקאנטען הונד, פרעגט מען

זיך שטענדיג: וועט ער אונז בייסען, אָדער ניט בייסען? איז ער א בייזער אָדער א רוהיגער?

קוקט מען אויף אונזער אננא, מוז מען זיך פיעל פראגען פרעגען:

„איז איהר לאכען אַן אויסדרוק פון פעראכטונג?"

„איז עס אַן אויסדרוק פון שפּאָטט?"

„איז דאָס אפשר דער אויסדרוק פון דער אַלגעמיין אָנגענו־מענער קנעכטישער העפליכקייט?"

„איז דאָס א צייכען פון דוממהייט, וואָס וויל זיך אלס בייזקייט ארויסווייזען?"

„אָדער איז דאָס ניט פיעלמעהר די בעשטרעבונג אַלץ נייעם ערגער ארויסצורופען?"

און אפשר ליעגט אין דער אַרט און ווייזע פון אזא לאכען עטוואָס פון אַלע מינים, וועלכע איך האָב דאָ אויסגערעכענט. אויב דאָס איז ווירקליך אזוי, קען אונז די נאַטורגעשיכטע פון אננא'ס נשמה ענטדעקען די סודות פון איהר פארבימערטע נשמה.

פון דער נאַטור אוים מיט ווייניג אינטעליגענץ בעגאבט, איז זי אין א פויערשע הויז געבאָרען, און — גאָט וויים הינטער וועלכע סודות איהר געבורטה איז בעהאַלטען — האָט געהאַט די געזיכטס־ציגען פון א הויך־אריסטאָקראַטישע גרעפין. דורך די שולד פון איהרע עלטערן און אפשר מעהר נאָך דורך איהר גייסטיגע אָרעמ־קייט, איז זי געבליבען אַן אַנאַפּהאַלבערט (א מענש, וואָס קען ניט לעזען און שרייבען), און האָט שטענדיג אין ווידערשפּרוך מיט זיך זעלבסט געלעבט. ווען זי האָט אין א שפּיעגעל אריינגעקוקט, האָט זי געגלויבט, אַז זי איז ניט נאָר עהנליך צו דער פרוי, ביי וועלכע זי דיענט, זי האָט אויך געגלויבט, אַז זי שטעהט פיעל העכער פון איהר מאדאם, און ווער עס האָט זי צום ערשטען מאָל געזעהן, האָט געמוזט גלויבען, אַז ער זעהט אין איהר א פּרינצעססין אין די קליידער פון א דיענסט־מיידעל. עס איז אָבער א האלב שעה ריידען מיט איהר גענוג געוועזען, אום די גאַנצע פּוסטקייט צו דערקענען פון יענעם קאָפּ, אין וועלכען עס איז ניט געבליבען קיין שפּור פון וועלט־ער־פאַהרונג, און איז נאָר פולל געוועזען מיט רמאות, פאַלשקייט, חוצפּה

און חניפה, וואס האבען זיך תמיד קריסטאליזירט אין א חיטרען שמייכעלע.

און דער דאזיגער שמייכעלע האט זיך אין פערלויף פון דער צייט אויף איהר פנים פארגליווערט און האט געדיענט אלס צייכען פון איהר כאראקטער, אלס שפרעכענדער הערב פון איהר גאנצע נשמה.

אלס זי איז געשטאנען אין דיענסט ביי א רייכען העררן, וואס האט אייניגע דערוואקסענע זיהן געהאט, פון וועלכע איינער האט שוין געפיהרט פערבארגענע ליעבשאפטען מיט קעכנעם און שטובמיידלאך, האט זי די ליעבעס־ערקלערונגען פון יענעם בחור געגלויבט, האט זיין פערלאנגען בעפריעדיגט און האט זיין פערשפרעכען מיט איהר צו הייראטהען גאנץ ערנסט אנגענומען. אבער אלס די פערבארגענע ליעבע איז ענדליך ענטדעקט געווארען, האט מען זי מיט א קליינע סומע געלד פאר איהר ליעבע בעצאהלט און מען האט זי פון הויז ארויסגעיאגט.

פון דעם האט זיך אין איהר ענטוויקעלט איהר ביטערער האס צו די הערשאפטען און דערפאר האט זי זיך שטענדיג צו זיי געהאלטען מיט אפענעם שפאט און האט זיי געלאזט לײדען יענע לײדען און ערניעדערונגען, וועלכע זי האט פון זיי איבערגעטראגען. דאס איז אויך געוועזן דער איינציגער גרונד, פאר וואס זי האט איהר לעצטע מאדאם געלאזט אייניגע מאל קלינגען. ווען זי האט זי בעדארפט.

יא, ווען דער האס פון די הונדערטער מיליאנען פראלעטאריער פון גאנץ אייראפא זאל זיך צוזאמענשמעלצען אין איין גאנצעם, ווען דער דאזיגער האסס און ערביטערונג וואס שלאפט אין די הערצער און אין די געדאנקען פון דער גרויסער מאססע זאל ערוואכען נעגען דעם הערשענדען קלאסס, ווען די אלע, וואס דיענען אונז זאלען זיך בעוואפענען זיך אויסבילדען אין רעגימענטען און זיך פעראייניגען אין איין ארמעע, — וועט דאס זיין א מאכט, וואס וועט זיין שרעקליכער און גרויזאמער און פערניכטענדער פון דעם

ס פּ אַ ר ט אַ ק ו ס *) און דער קאַמפּף וועט זיין נאָך בלוטיגער פון דעם י אַ ק אָ ב י נ ע ר - קאַמפּף **) און אונזער גאַנצע מאָ־דערנע ציוויליזאַציאָן וועט צוזאַמענברעכען.

*) ס פּ אַ ר ט אַ ק ו ס איז געוועזן דער גרינדער און דער פיהרער פון דעם שקלאַפּענקריעג געגען דער הערשענדער קלאַססע 71 יאָהר פאַר קריסטוס געבורט.

**) די י אַ ק אָ ב י נ ע ר זיינען געוועזן אַ רעוואָלוציאָנערע רע־פּובליקאַנישע פּאַרטיי אין פראַנקרייך אין די צייטען פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

ווי שעהן זי איז געוועזען!

אה, ווי שעהן זי איז!

דאָס זיינען געוועזען די ערשטע ווערטער, וועלכע אונזער מיידעל (וועלכע מיר בעשרייבען אין דעם קאַפּיטעל) האָט געהערט און פערשטאַנען אין דעם באגינען פון איהר לעבען, אין די ערשטע מאָרגענשטונדען פון איהר ערוואַכענדע פערנונפט, ווען די חושים פון דעם מענשען הויבען אָן צו שפּאַנען די ערשטע טעלעגראַף־דראָטען, יענע דראָטען, וואָס פערבינדען זיי מיט דער וועלט. און מיט דעם אַלטעגליכען לעבען.

און פון דאַמאָלס אָן ביז צו איהר צוויי און צוואַנציגסטען לעבענס־יאָהר, ווען איך האָב זי קענען געלערנט, האָב איך שטענדיג געהערט דעם דאָזיגען ליבּ־געזאַנג צו איהר שעהנהייט אין אַלע שפּראַכען פון איטאַליען און פון אויסלאַנד, און אין אַלטע דיאַלעקטען פון די איטאַליענישע דיענסט־מיידלאך, קעכענס און פּויערים, מיט נאָך א רייכערען צוזאַטץ פון אַלע זיננפערוואַנדטע ווערטער, וועלכע דער ווערטער־בוך פערמעגט.

— דו ביזט א מלאך! אַה, וואָס פאַר א רייכענדער מלאך! וואו האָט מען ווען נאָך אַזא שעהנע בעשעפענים געזעהן?... זי איז בעצויבערענד, זי איז א געטין! זי האָט פון הונדערטע, פון טויזענדע מיידלאך די שעהנהייט אוועקגערויבט און האָט זיך פון דעם א קלייד אויסגעוועבט! ווען זי וועט אויסוואַקסען, וויפיעל קרבנות וועלען פאַלען פון איהרע אויגען! אַלע וועלען זיך אין איהר פערליעבען... יאָ, זי וועט א טהראָן בעשטייגען און וועט אַלע קעניגינען פון דער וועלט אין שאָטען אוועקשטעלען!...

ווען זי איז נאָך אין איהר קינדער־וויעגעלע געלעגען, האָט זי געהאַט אַלע צאַרטע שעהנהייטען פון א קינד: ראָזיג פון קאָפּ ביז די פיס, פולע פאָרמען, בעוועגליך און פלינק. זי האָט געהאַט חן־גריבעלאך אין די אָרעמס, אין רוקען, אין די זייטען, זיי פלעגען

ארויסטרעטען אין איהרע קאפריזנע מאמענטען, אדער ווען די מוטער פלעגט זי קושען און האלזען. זיי פלעגען קומען און ווידער פער־שווינדען. די מוטער פלעגט זי אוועקלייגען אויפ'ן בעט, פלעגט איהר געזיכט איינגראבען אין איהר לייב און איהרע ליפען פלעגען זי בערעקען מיט א גאנצען מבול פון קושען. און צווישען איין קוש און דעם אנדערען, האט דאס קינד שטענדיג געהערט די ווערטער: „אה, מיין שעהנע, מיין טהייערע... ווי שעהן דו ביזט!"

אלס זי איז שוין עלטער געווארען, האבען זיך אין איהר פער־ליעבט איהרע שוועסטער, איהרע פריינדינען און די ארומיגע שכנים. יעדע איינע און יעדער איינער האט לוסט געהאט ביי איהר מיט גוואלד א קוש און א גלעט ארויסצורייסען, אלע האבען געוואלט ערווערבען איהר פריינדשאפט מיט קינדליכער, אבער ווילדער ליע־בעסליידענשאפט.

— ווענען האסט דו ליעבער? — האט איהר יעדער איינער און יעדע איינע געפרעגט — וועלכע פריינדין איז פאר דיר די ליעבסטע? איך בין דאס, ניט אזוי? זאל עס מיר אפ, זאג עס מיר... איך מוז דיין הארצפריינד זיין, וויל איך ליעב דיך מעהר פון אלע אנדערע... און איך וויל, ווען איך וועל גרעסער זיין, קיין אנדער כלה אלס דיך... דו וועסט מיין ווייב זיין און איך וועל דיך פערגעטטערען ביז מיין טויט...

איהרע אלטע פעטערס און איהרע שטיינאלטע זיידעס און באָ־בעס, פלעגען איהר אפט פרעזענטען ברייננגען; זיי פלעגען זי איינלאדען צו מאהלצייטען ביי טאג און ביי נאכט. זיי פלעגען מיט איהר פאהרען שפאציערען אין די עפענטליכע גערטנער און פארקען. זיי האבען זי געוואלט האבען אין זייערע סאלאנען אלס א קאסט־בארע קונסטווערק, אלס א זעלטענע ציערונג.

און שטענדיג און נאר אהן אן אויפהער, פון נאהענט און פון ווייט, אין איהר געגענווארט, אדער אין ווייטע געזעלשאפטען, האבען אין א טויזענד־שטימיגער עכא געקלונגען די ווערטער: „אה, ווי שעהן דו ביזט! אה, ווי שעהן זי איז!"

און דאס קינד איז אויסגעוואקסען צום ווייב.

מיט פופצעהן יאהר האט זי זיך צום ערסטען מאל לאנג אין

שפיעגעל בעטראכט און האט זיך געמוזט זאגען : „עס איז אמת, איך בין טאקע שעהן !" זי האט זיך פערליעבט אין איהרע לאנגע, געקרייזעלטע בלאנדע האאר ; האט זיך פערטיעפט אין דער בע־טראכטונג פון איהרע ברוינע, לייכטענדע און בעוועגליכע אויגען, וועלכע האבען געהאט די מערקווירדיגע פעהיגקייט אי זיסע טרעה־רען צו פערגיסען, אי די שרעקליכע צארן־בליטצען צו שליידערען. זי האט אויספראבירט די ווירקונג פון איהרע מיענעס און גרימאסען און האט געפיהלט דעם טיעפען געהיימנים, וואס ליעגט אין זיי. עס האט איהר כמעט געשווינדערט פאר ערועגונג. דאן האט זי בע־טראכט איהר פיינע ראזיגע נאז, פון וועלכע די פליעגלען האבען זאכט געציטערט, אזוי ווי זי וואלט מיט ליידענשאפט די לופט איינגע־אטהעמט.

דאן זיינען איהרע אויגען איבערגעגאנגען צו איהרע ליפפען, וואס זיינען בערעדזאמער פון איהרע אויגען געוועזען. זי האט זיי געלאזט שמייכלען און איהר שמייכעל איז איהר אזוי שטארק געפעלען געוועזען, דאס זי האט דעם שפיעגעל א ליעבעס־קוש צו־געווארפען דערפאר, וואס ער האט זי נאך שעהנער, נאך ראזיגער געמאכט, וואס האט איהר בעשאפען אלס א צוזאג פאר די, וואס וועלען דעם גן־עדן פערדיענען.

אין זיך זעלבסט פערליעבט, ווי זי איז געוועזען, האט זי זיך געוואלט זעהן ווי זי זעהט אויס, ווען זי איז גאנץ נאקעט און האט זיך צוליעב דעם אין איהר צימער איינגעשלאסען. מיט וואהנ־זיניגער האסטיגקייט האט זי פון זיך די קליידער ארונטערגעווארפען, האט זיך ווידער אוועקגעשטעלט ביים שפיעגעל און האט נאך שטארקער אויפגעשווידערט, אלס זי האט זיך אין איהר גאנצער נאקעטער פראכט דערזעהען. מיט גאנץ לויטער שטימע האט זי ווידער אויסגערופען : „אמת, איך בין שעהן !"

נאך האסטיגער ווי זי האט זיך אויסגעטהאן, האט זי זיך ווידער אנגעטהאן. איהר פנים האט געפלאמט פאר בושה און פאר שרעק אזוי ווי זי וואלט א שווערעס פערברעכען בעגאנגען. פון יענעם טאג אן האט זי זיך געפיהלט ג א נ ץ ו ו י י ב. זי האט בעמערקט, אז זי ווערט שוין וויינינער בעוואונדערט און גע־ליובט פאר איהר שעהנהייט. איהרע עלטערן, פערוואנדטע און

פריינד ריידען שוין מעהר ניט אין איהר געגענווארט פון איהר שעהנהייט, און איהרע חבר'טעס אין איהר עלטער זיינען צו איהר קעלטער געווארען.

דערפאר אבער האט זי מיט פולע הויפענס געשעפט די בעוואונדערונג פון די מענער. פאר זיי איז זי געוועו די שעהנסטע, די רייצענדסטע, די ליעבענסווירדיגסטע און זיי האבען זי פערגעטערט. אויף טויזענדערליי ארטען האבען זיי איהר זייער בעוואונדערונג און הייסע פערעהרונג געלאזט פיהלען. ווען זי איז נאך אין איהר קינדערשער וויעגעלע פון איהר מוטער מיט א גאנצען מבול פון קושען בעדעקט געוועו, האט זי זיך איצט געפיהלט איבערפלייצט פון נאך א שטארקערען, הייסערען און רייכערען שטראם, פון דעם וואונש און בעגעהר פון די מענער.

און זעהר גיך און פון זיך זעלבסט האט זי אויסגעלערנט די שפראך פון וואונש און בעגעהר צו פערשטעהן, יענע שפראך פון דער ליעבע, וואס רעדט מעהר מיט מיענעס און תנועות אלס מיט ווערטער; יענע תנועות, וועלכע דער שרייבער קען אין ווערטער ניט קליידען, וועלכע דער סקולפטאר קען אין דעם מארמאר ניט איבערגעבען און וועלכע דער מאלער קען מיט פארבען ניט אויסמאלען. דער ציניזם פון היינטיגען מאדערנעם רעאליזמוס רייצט ניט קיין דאמע צו זוכען א ווערטערבוך, וואס זאל איהר ערקלערען די שטומע שפראך פון יענע מיענעס און תנועות, מיט וועלכע די מענער־ליעבע רעדט צו איהר. די ליעבע האט איהר אייגענע קירכע, איהר אייגענעם קדשי־הקדשים, וואו מען קען בעטען צום ליעבעס־גאט אהן ווערטער. און די ליעבע, וואס שוועבט אויף די פליעגלען פון וואונש, איז א גאט, וועלכען די קונסט שטעלט ניט פאר און די וויסענשאפט צוגלידערט ניט.

די מיענעס און די תנועות פון דעם וואונש איז תמיד דארט, וואו מען זוכט דעם אוצר. דער וואונש וועגדעט זיך צום אויג, אום דער נשמה א בעזוך אבצושטאטען; ער ווענדעט זיך צו די ליפען, אום דארט האס הארץ צו זוכען; ער ציעהט זיך איבער דעם גאנצען קערפער ווי א פרישער ווינד פון ים, וואס מאכט דאס וואסער אויפשווידערען און נעהמט ארום אין איין הייסען פלאם

דעם קערפּער פון דער הייס־געליעבטער בעשעפּענים, פון וועלכע ער פערלאַנגט די לעצטע און העכסטע בעפריעדיגונג.

אונזער מיידעל האָט אויף די געזיכטער פון די מענער געלעזען אַלע יענע ווינשע, וועלכע זי האָט זייער קראַפט אַבגעמאָסטען, האָט זייערע אַדרעסען אויסגעפונען און האָט זיך ערקלערט פון וועלכען קוואַל זיי קומען ארויס. און חאָטש זי האָט דאָס פון קיינעם ניט געלערנט, נאָר מיט דעם וױיבערשען אינסטינקט פון אונזער מוטער ח ו ה, האָט זי דאָך געוואוסט מיט איהרע בליקען און מיט אַ שמייכעלע, אָהן אַ וואָרט צו רעדען, די קאַלטע ווינשע פון די מענער וואַרימער צו מאַכען און די הייסע אַבצוקיהלען; זי האָט געקענט אויפרעגען און בערוהיגען, זי האָט געקענט דעם וואונש אַנציגדען און איהם פערוואַנדלען צו אַ שטיק אייז. זי האָט אין די פון ליעבע צואַקערטע נשמות געקענט זעען די קליינע קערנער פון האָפנונג.

אין דער דאָזיגער קונסט ענטוויקלען די שעהנע פרויען, וואָס מוזען נויטוועגדיגערווייזע כמעט אַלע מאָל אויך קאָקעט זיין, אַ דיפּלאָמאַטיע, וואָס וואָלט הונדערט דיפּלאָמאַטען מיט אונשטערב־ליכקייט פערזיכערט. זיי ענטוויקלען אַ קראַפט, וואָס צוברעקעלט זיך אין דעם גרויסען אָצעאַן פון דער נאַטור און ווערען דאָך קיינ־מאָל ניט צושטערט, ווי די וויסענשאַפט לערנט אונז. אָבער יענע קרעפטען קומען צו אונז ניט צוריק, ווייל זיי זיינען דערצו בע־שטימט איבערצוגעהן אין אַנדערע פאָרמען אין שפּעטערדיגע דורות צו אונזערע אור־אור־אייניקלאך.

אָבער די דיפּלאָמאַטיע פון דער קאָקעטסטוואָ פערשלינגט כמעט שטענדיג די ענערגיע פון אונזער דענקען, אַלע קרעפטען פון די הויכע און העלדישע געפיהלען. אונזער מיידעל האָט שטודירט, ווייל עס איז איהר נויטיג געווען, פרעמדע שפּראַכען, האָט געלערנט צימבלען אויפ'ן קלאַוויר און שפּיעלען אייניגע ראָמאַנסען. זי איז שעהן געוועזען מיט אַ בעהערשענדע שעהנהייט, און האָט גוט גע־וואוסט, וואָס די פערנינפטיגסטע מענער פערלאַנגען פון איהר, ווען זיי קניען פאַר איהר. זי האָט תמיד פעראַכטעט איהרע איינ־טעליגענטע און געלעהרטע חבר'טעס, וועלכע זיינען פון די מענער קאַלט און גלייכגילטיג בעהאַנדעלט געוואָרען.

די בויגענס פון איהרע געדאַנקען זיינען שטענדיג נאָך א י י ן ציעל אָנגעשפּאַנט געוועזען, נאָך דעם וואונש שטענדיג שעהן צו זיין, שטענדיג נאָך שעהנער צו זיין, און די קונסט זיך צו קליידען, איהרע האָאר צו אָרדנען און זיך פּוטצען, האָט פאַר איהר געהאַט די בעדייטונג פון א וויסענשאַפט, פון וועלכע זי האָט יעדען טאָג אַלץ מעהר געלערנט און אין וועלכע זי האָט יעדען טאָג נייע ענטדעקונגען געמאַכט.

די פראַגע אויסצוקלייבען א שניידערין, איז פאַר איהר געוועזען איינע פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען, וועלכע זי האָט שטענדיג מיט איהר מוטער און מיט איהרע חבר'טעס בעשפּראָכען, און די וואַהל פון דעם שטאָף צו די קליידער, די מאָדע־פיגורען און די לאַנגע זיצונגען ביי דער שניידערין איז פאַר איהר געוועזען די ערסטע און די לעצטע בעשעפטיגונג פון איהר לעבען. דער פאַרצוג פון איהר שעהנהייט איז אין גאַנצען שטאַרט פון קיין אַנדער שעהנער פרוי ניט בעשטריטען געוואָרען. אויך אין דער קליידונג האָט זי געוואָלט זיין די הערשענדע קעניגין, ווייל אויך די קליידער געהערען צו דער שעהנקייט און בעלאַנגען צו איהר ווי א נאַטירליכעם רעכט.

ווען עס האָלט זיך געפינען אין דער וועלט פון עסטהעטיק א קאָנקורענטין, וואָס זאָל איהר קענען גלייכקומען אין עלעגאַנץ פון שעהנהייט, ווען יענע קאָנקורענטין זאָל זיך אויספּוטצען אין קליידער פון דיזעלביגע שטאָפען און פון דעמזעלביגען שניט ווי זי — וואָלט זי די דאָזיגע קאָנקורענטין דאָך איבערגעשטייגט מיט איהר חוצפה'דיגע, שלאַנגענאַרטיגע בעוועגונגען פון איהר בויגזאַמען קערפּער, אין וועלכע עס איז געלעגען א גאַנצע וועלט פון אָריגינעלע שעהנהייט, פון אייגענאַרטיגען חן, און צו גלייכער צייט אויך א היבשע פּאָרציאָן פרעכהייט. אין ד ע ם פונקט האָבען איהר אַנדערע פרויען ניט געקענט נאָכמאַכען פאַר מורא דעם געפיהל פון בושה צו בעליידיגען, ניט אָנצוגרייפען יענע אַלטעגליכע דורכשניטס־מאָראַל, וואָס איז די פאַלשע ריכט־שנור פון די „פיינע“ לייט.

זי האָט אָבער דעם געפיהל פון בושה און די גילטיגע קראַנקהאַפטע מאָראַל אין גאַנצען איגנאָרירט, ווייל זי האָט זיך געפיהלט אַלס הערשערין איבער אַלעם און איבער אַלע. עס האָט איהר ניט

געקימערט, וואָס די וועלט האלט פאר אַ זינד איהרע בעוועגונגען, און וואָס די פרויען קריטיקירען זי דערפאר, ווייל זי האָט געוואוסט, דאָס גראדע פאר די דאָזיגע בעוועגונגען ווערט זי פערגעטערט פון די יונגע מענער, און די אַלטע זיינען איהר מוחל די עבירה.

און ווען זי פלעגט זיך געהענדיג בעוועגען אין סאַלאָן אָדער אויף דער גאַס, פלעגט זי די רונדע פאָרמען פון איהר לייב אויסשטע־לען געגען דעם ווינד ווי די פאָהן פון אַן אַלמעכטיגע. אַלעס צו זיך רייסענדע שעהנהייט, ווי אַ מתנה פון דעם געטליכען פאראדיז. געהענדיג מיט איהר בויגזאַמען גאַנג, מיט די לייכטע בעוועגונגען פון אַ דינעם צווייג פון אַ שטילען ווינד, לייכטפיסיג ווי אַ יונגער הירש און טריומפיהרענד ווי אַ געטין, פלעגט זי הינטער זיך איבער־לאָזען דייטליכע שפורען פון ליידענשאַפטליכע ווינשע אויף די געזיכטער פון אַלע מענער.

* *

*

שאַטענס פון אַזעלכע פרויען שפּאַצירען אום אין די גאַסען פון אונזערע שטעדט, און ווען זיי סימבאַליזירען די זינד אין אונזער געזעלשאַפט און פאראַליזירען די ענערגיע פון אונזער דענקען, איז דאָס אונזער אייגענע שולד, ווייל מיר זוכען אין דער ווייב נאָר די „זי“, ווייל מיר בעגעהרען פון איהר נאָר די ליידענשאַפט.

ליעבע און פרומקייט.

מיר ריידען איצט פון א געבאָרענע גרעפין.

מיין גרעפין איז אין רייכטהום געבאָרען געוואָרען, און גלייך ביי איהר געבורט, ווי דאָס איז אין איהר פאַמיליע שוין פון פריהערדיגע דורות די זיטע געוועזען, איז זי פון דער נאַטור אויסגעשטאַטעט געוועזען מיט יענע גליהענדע, פערלאָנגענדע חושים און מיט יענער פאַנטאַזיע, וואָס לאָזט פערגאָלדען יעדע זאַך, וועלכע זי וויל זעהן און בעריהרען.

אין איהרע געפיהלען איז זי מיט עטליכע יאָהר פריהער שוין ווייב געוועזען, א צייט פריהער בעפאָר איהר קערפער איז דאָס געוואָרען, און שוין אלס קינד פלעגט זי זיך אויסקלייבען די שעהנסטע און קרעפטיגסטע אינגלאַך, אום מיט זיי זיך צו שפּיעלען, חאָטש זי האָט נאָך אליין ניט געוואוסט דעם גרונד פון איהר וואַהל. זי פלעגט זיי אָפטמאָל אומאַרמען און קושען מיט אַזאַ קראַפט, דאָס זיי פלעגען וויינען. „וואָרום טהוסט דו מיר וועה?“ פלעגען זיי איהר וויינענדיג פרעגען, און זי פלעגט זיי נאָך שטאַרקער קושען און פלעגט פעראייניגען איהרע טרעהרען מיט זייערע און פלעגט ענטפערען: „ווייל איך האָב דיך ליעב“.

איהרע עלטערען פלעגען זיך טאָג־טעגליך פערנעהמען מיט יענע פוסטע פערגניגענס, וועלכע פילען אויס דאָס לעבען פון די רייכע און הויכע אַריסטאָקראַטען און איהר, זייער טאָכטער, פלעגען זיי איבערלאָזען איינע אליין, אָדער אין דער געזעלשאַפט פון דער גאָווערנאַנטין, וועלכע האָט זיך ווי נאָר מעגליך ווייניג מיט איהר בעשעפטיגט. און אונזער יונגע גרעפין האָט די דאָזיגע אונבעגרענעצטע פרייהייט אויסגענוצט, אום אין דער ביבליאָטהעק אויסצוזוכען די אויפרעגענדסטע פראַנצויזישע ראָמאַנען מיט יענע אונאַנשטענדיגסטע און שמוציגסטע אילוסטראַציאָנען, וואָס פערגיפטען די חושים פון די יונגע מענשען און רופען אַרויס אין זיי געשלעכט־

ליבע ליידענשאפטען פאר דער צייט. זי פלעגט די האזיגע ביכער פון ביבליאטהעק אוועקטראגען אין איהר שלאפצימער און פלעגט זיי ביי נאכט לעזען מיט א הייסען ליידענשאפטליכען חשק. און דורך דעם איז דאס געקומען, דאס מיט צעהן יאהר איז זי שוין בע־קאנט געווארען מיט דעם גאנצען שמוץ, וואס וואקסט אויף דעם פעלד פון דער מענשליכער געזונקענהייט אין דער ליעבע.

אין דעם עלטער פון צעהן יאהר האט זי שוין אויך געוואלט האבען א ליעבהאבער און דערצו האט זי אויסגעקליבען איהרען א קאזען, וועלכען זי האט אפט געזעהען זיך שפיעלענדיג מיט אנדערע קינדער, אבער ער איז געווען פיעל אונשולדיגער פון איהר, ווייל ער האט די ראמאנען פון ביבליאטהעק נאך ניט געלעזען און האט פון זיי קיין נוצען ניט געצויגען. ער האט זיך פון איהר געלאזט קור־שען און ליידענשאפטליך אומארמען, אבער אויף יענע פריה־צייי־טיגע ליידענשאפטען פון זיין קוזינע האט ער נאר געקענט ענטפערן מיט דער ערקלערונג, אז זי איז א משוגענע. אלס ביישפיעל וויל איך דא אונזערע לעזער געבען אייניגע ברוכשטיקער פון זייערע געשפרעכען.

ז י: „ווייסט דו, מיין ליעבער, מיר מוזען ביידע פיהרען א ליעבע."

ע ר: „וואס איז דאס, פיהרען א ליעבע?"

ז י: „דאס הייסט: זיך ליעב האבען, זיך זעהר פיעל קושען און איינער צום אנדערען ליעבע־בריעף שרייבען".

ע ר: (לאכענדיג) „צו וואס דארפען מיר אונז שרייבען, ווען מיר זעהען זיך טאג־טעגליך?"

ז י: „דו ביזט א גרויסער נאר. פערליעבטע שרייבען זיך שטענדיג בריעף, אין וועלכע זיי זאגען, אז זיי האבען זיך ליעב; אויך שרייבען זיי זיך איינער דעם אנדערן זאכען, צו וועלכע עס פעהלט זיי דער מוט אויסצושפרעכען. מיר מוזען זיך איינער דעם אנדערן צושווערען, זיך צו ליעבען ביז אונזער טויט; ווייל מיר וועלען הייראטען, ווען מיר וועלען שוין גרויסע זיין. איך וועל זיין דיין ווייב און דו מיין מאן. איצט מוזען מיר זיך בענוגענען מיט דעם, וואס מיר זיינען נאר פערלאבט".

ע ר: „און אז מען איז פערלאבט, וואס האט מען צו טהאן?"

ז י: „די פּערלאַבטע קושען זיך און שרייבען זיך ליעבעס־בריעף“.

ע ר: „גוט, שרייב צו מיר א בריעף און איך וועל זעהן, וואס איך דאַרף דיר ענטפערען“.

און זיי האָבען ווירקליך אָנגעפאַנגען איינער צום אַנדערען בריעף שרייבען, און די בריעף פלעגען זיי זיך פון האנד צו האנד איבערגעבען, און זיי פלעגען דאָס טהאָן בסוד און האָבען זיך געהיט אז קיינער זאָל דאָס ניט זעהן.

אין א געוויסען מאָרגען האָט זי איהם מיט גרויס ערנסט און מיט א געהיימניספולע מיענע איינגעלאַדען ער זאָל זי בעגלייטען גאַנץ טיעף אין פּארק צו א שטיינערנע הייהל, וואָס איז פערדעקט געוועזען מיט פערשיעדענע פלאַנצונגען.

ווען זיי זיינען אהין געקומען און האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף א באַנק פון ווייכען מאָך, האָט זי זיינע ביידע הענד גענומען און האָט צו איהם געזאָגט:

— הער נאָר, דו מוזט מיר טהאָן א גרויסען געפאַלען. דו מוזט דאָך וויסען, אז דער געליעבטער דאַרף זיין געליעבטע קיין זאַך ניט אָבזאָגען. ווען דו זאָלסט מיין לעבען פערלאַנגען, וועל איך די מינוט ניט פערלירען און וועל עס דיר באַלד געבען.

— נו, זאָג שוין, וואָס פערלאַנגסטו פון מיר?

— איך וויל, אז מאָרגען זאָלסטו פון דיין עלטערען ברודער, וואָס איז א גלח, זיינע גלח׳ישע קליידער לייהען, אָדער דו זאָלסט זיי נעהמען בשתיקה. דו וועסט זיי איינוויקלען אין א נומער צייטונג און פערבאָרגענערהייד אהער ברייגנען. איך וועל נאָך דיר קומען. דו וועסט אָנטהאָן די גלח׳ישע קליידער, איך וועל מיך פאַר דיר שטעלען אויף די קניה און וועל מיך פאַר דיר מתודה זיין.

— ביזט דו משוגע געוואָרען?

— האָב נאָר אין זינען, אז דו טאָרסט דיין געליעבטע קיין זאַך ניט אָבזאָגען!

— גוט; איך וועל מאָרגען שפּיעלען די ראָלע פון א גלח.

און אזוי איז עס געשעהען. ביידע קינדער האָבען ווירקליך אין דער שטיינערנער הייהל די סצענע פון א בייכטע אויפגע־

פיהרט, אין וועלכע די פריהצייטיגע גרעפין האט דעם „גלח" מודה געוועזען, דאס זי האט אין חלום א גרויסע עבירה געטהאן, פון וועלכע ער, אלס פריעסטער, מוז איהר בעפרייען.

דער קינדערשער „גלח" האט דאס געלאזט געשעהען, האט דער־ביי גרוים פערגעניגען געהאט, און נאכדעם ווי ער האט איהר עבירה אויסגעהערט, האט ער ארויסגעגעבען פאלגענדע תשובה:

— אכט טעג נאכאנאנד דארפסטו מיך ניט קושען; דאס איז דיין תשובה.

— דאס איז אלעס? — האט זי זיך געוואונדערט.

— עס איז אמת, אז דורך אזא תשובה בין איך מעהר פון דיר געשטראפט, תאטש איך בין קיין זינד ניט בעגאנגען.

— אלזא, גוט! גיב מיר אן אנדער תשובה. הייס מיר דריי נעכט איידער איך געה שלאפען צוואנציג מאל נאכאנאנד זאגען די תפלה „הייליגער פאטער אין הימעל".

די סצענע האט זיך געענדיגט מיט א פאקט, וואס האט ביי־דען אין העכסטען גראד צופרידען געשטעלט. טויזענד קושען זיי־נען געפאלען פוןביידע זייטען. דער יונגער „מוחל עוונות", וואס איז ביז צו דיזער שטונדע גאנץ אונשולדיג געוועזען, האט איינגע־זעהען, אז די לעקציאנען פון זיין קוזינע זיינען גאר ניט אזוי שלעכט און האט זיי אויסגענוצט אין פולען מאס...

זי האט דערוייל פארטגעזעצט די פראנצויזישע ראמאנען וויי־טער צו לעזען, האט זיך גוט צוגעקוקט צו די פיקאנטע אילוסטרא־ציעס און האט דערגרייכט די צייטיגקייט פון א פאלקאמענע ווייב.

דער קוזין איז אוועקגעשיקט געווארען נאך ציריך לערנען און שטודירען, און איז פון איהר באלד פערגעסען געווארען; אבער זי, די פריהצייטיגע פריילין, האט איהר נאטור ניט געקענט פעליי־קענען און האט פארטגעזעצט צו זויגען דעם „האניג" פון אלע „בלו־מען". זי האט קאקעטירט אין אלע שפראכען און מיט יעדען איי־נעם, וואס האט איהר זיין ליעבע צו איהרע פיס געלייגט, אבער זי האט זיך שטענדיג געהאלטען אין די גרעניצען פון יענע פאלשע מאראל, וועלכע אונזער צייט דיקטירט אונז.

זי איז אכטצעהן יאהר אלט געווארען: א יונגפרוי פון דעם

אנאטאמישען שטאנדפונקט, אבער פערדארבען און מאראליש גע־זונקען ווי די ניעדריגסטע ליעבעס־פערקויפערין.

די שפריכווערטער פון אלע געבילדעטע פעלקער בעהויפטען איינשטימיג, דאס דער קרוג געהט אזוי לאנג צום וואסער, ביז ער ווערט צובראכען. און דאס האט אויך ענדליך פאסירט מיט אונזער יונגער גרעפין: אין א געוויסען טאג האט מען בעמערקט, דאס זי שוואנגערט.

מען האט געמוזט רעטען איהר עהרע, וועלכע האט שיפבּרוך געליטען, און דערצו איז נאר איין מיטעל געווען: איהר חתונה מאכען מיט דעם ערסטען־בעסטען.

און וויל דער בעלן איז באלד געפונען געווארען און פון דעם פריילין איז געווארען א „גנעדיגע פרוי“, איז איהר שוין ניט נויטהיג געוועזען צו היטען די גרעניצען פון אנשטענדיגקייט און מאראל, זי האט שוין געקענט זינדיגען אויף דעם חשבון פון איהר מאן. זי האט געטהאן אלעס, וואס לאזט זיך טהאן אויף אזא אופן, דאס עס זאל צו קיין סקאנדאל ניט קומען, און דער מאן זאל צו איהר קיינע טענות ניט קענען האבען. זי איז פאר אלעמען א לוס־טיגע פרוי געוועזען. פון דער געזעלשאפט פון די אנשטענדיגע און עהרבארע דאמען איז זי אויסגעשלאסען געוועזען; דערפאר אבער האבען איהר די מענער, מיט וועלכע זי האט פערבּראכטע ליעב־שאפטען געפיהרט, פון אלע שלעכטע רייד געשיצט און פערטיידיגט.

אין איהר בודואר, אין וועלכען זי פלעגט איהרע ליעבהאבער אויפנעהמען, וואו עס האבען זיך ארומגעטראגען די אראמאטען פון פערשיעדענע פארפומען, אין יענעם בודואר, וואס האט אזוי פיעל מאראלישע געזונקענהייט געזעהען און אזוי פיעל זינדיגע קור־שעריען געהערט — האט זיך אויך ארומגעטראגען אן אטמאספערע פון פרומקייט.

ליעגענדיג אין די ארעמס פון א פרעמדען מאן, פלעגט זי זעהר אפט פרעגען: „געהסט דו צום גאטעסדיענסט אין דער קירכע? גלויבסטו אין גאט?“

און ווען דער געליעבטער פלעגט איהר אויף יעדע פון איהרע פראגען ענטפערען מיט א „ניין“, פלעגט זי דעם אטהעאיסט מיט

א לייכטען פאטש אויף דער באק מכבד זיין און פלעגט צו איהם זאגען: „דאס איז שלעכט פון דיר, זעהר שלעכט. גאט איז נאכ־זיכטיג צו די זינדער, אבער מיר מוזען זיין בארמהערציגקייט ביי איהם בעטען. זעהסטו, שטענדיג ווען איך פערברייננ מיט דיר א נאכט אין ליעבע, געה איך דעם אנדערען טאג אין דער פריה צום גלח אין קירכע, אום זיך מתודה צו זיין, און מיין געוויסען ווערט בערוהיגט“.

זי איז שטענדיג געווען דיזעלביגע ווי דאמאלס, אלס זי האט דעם קליינעם קוזין ארייגעפיהרט אין דעם שטיינערנעם הייהל און האט זיך קניענדיג פאר איהם מתודה געווען אין איהרע זינד.

זי האט קיינמאל ניט געפיהלט די העכסטע לוסט אין איהר ליעבע, סיידען זי האט די לוסט פעראייניגט מיט דעם מיסטישען גערדאנקען פון א רעליגיעזע פארשטעלונג. זעהר אפט פלעגט איהרער א געליעבטער זעהן, דאס אין דעם מאמענט, אין וועלכען זי איז פארטיג געווען איהם איהר ליעב אוועקצוגעבען, רוהען איהרע אויגען אויף דעם קרייץ און איהרע ליפען שעפטשען: „יעזוס, פער־צייה מיר!“

און יעזוס האט איהר תמיד מוחל געווען. — אבער נאך א לאנגע רייהע פון יאהרען, ווען די מענער האבען שוין ניט געוואלט איהר מוחל זיין איהרע גרויע האר, די שלעכט־פערבארגענע קנייט־שען פון איהר אבגעלעבטען פנים און אלע אנדערע פעהלערען פון איהר פערוועלקטען לייב, יענע פעהלערן, וואס לעשען אויס יעדען וואונש און יעדען פערלאנג, איז אין איהר א גרויסע ענדערונג פארגעקומען.

זי האט איינגעזעהען, אז זי איז פון אלעמען פערלאזען, אבער קיין זאך אין דער וועלט האט איהר ניט געקענט בעווענען נאכ־צוטהאן דאס, וואס אנדערע אלטע פרויען טהוען, דאס הייסט: זיך ליעבע צו קויפען פאר געלד, ווען זי קען ניט ליעבע ערוועקען דורך אנמוטה און שעהנקייט און יוגענד, ווי פריהער. דער יונגער פייער האט נאך אין איהר געברענט, די ליידענשאפט פלעגט איהר נאך פאקען מיט א ווילדע קראפט, אבער זי איז צו־שטאלץ געוועזען און האט איהר ליעבע שטענדיג אלס מתנה, אלס פרייוויליגע נדבה

געגעבען. זי האָט די ליעבע פון דעם געליעבטען קיינמאָל ניט ארויסגערופען.

און זי האָט אָבשייד גענומען פון איהר לעצטען געליעבטען, וואָס האָט נאָר פאַר מיטלייד און פאַר אַלטער געוואָהנהייט מיט איהר פערקעהרט און געטהיילט די לעצטע ברעקלאַך פון אַ פער־אַלטעטע ליידענשאַפט. זי האָט אָנגעהויבען זיך שווארץ צו קליידען און האָט זיך גאָט אין די אָרעמס אריינגעוואָרפען, אום פון איהם, פון זיין אונענדליכער באַרמהערציגקייט, פערצייהונג אויסצובעטען. זי איז שוין מעהר ניט געגאַנגען צו איהר שטענדיגען בייכטפאַטער, זי האָט זיך אויסגעזוכט אַ שטרענגען פריעסטער און קניענדיג פאַר איהם האָט זי זיך מתודה געווען.

פון דעם נייעם שטרענגען גלח האָט זי אָנגענומען אַלע תשובות, וועלכע ער האָט איהר אַרויסגעגעבען, אפילו די, וואָס האָבען געדויערט לענגער פון אַ יאָהר. די דאָזיגע תשובות זיינען געוועזען העכסט ווילד און גרויזאַם, ווי צום ביישפיעל: לאַנגע תעניתים, לאַנגע תפלות שטעהענדיג אויף דעם נאַקעטען און קאַל־טען פאַדלאַגע פון דער קירכע. די דאָזיגע אַלע שטראָפען האָט זי בעטראַכט פאַר צו גרינג און צו ווייניג פאַר איהרע זינד און האָט דעם גלח געבעטען ער זאָל איהר ערלויבען צו טראָגען אויף איהר נאַקעטען לייב אַ ברוסט־גאַרטעל מיט שטעכעדיגע שפיצען, און דער גלח האָט דאָס איהר ערלויבט.

זי האָט דעם גאַרטעל געטהאָגען בשתיקה פון אַלעמען און האָט אין זיך געלאַכט, כאָטש זי האָט שטאַרקע שמערצען געפיהלט. זי האָט פון די שמערצען געפיהלט אַ גרויסען פערגעניגען.

אַ גאַנצען יאָהר האָט זי דעם גאַרטעל געטראָגען, און וויי־ל זי האָט זיך נאָך ניט געפיהלט גערייניגט פון זינד, האָט זי ניט אויפגעהערט אַרויפצולייגען די האָסטיע *) אויף איהר צונג און לאַנגזאַם אַרונטערגעשלונגען, ווי די רעליגיאָן פערלאַנגט, פלעגט

---

*) האָסטיע איז אַ גאַנץ דינער קיכעל געבאַקען פון מעהל און שטעלט מיט זיך פאַר דעם קערפער פון יעזוס קריסטוס. די קאַטהאָליקען שלינגען איהם אַרונטער נאָך דער בייכטע פאַר דעם פריעסטער, מיט דער זיכערהייט, דאָס זיי האָבען מיט דעם מקריב געווען אַ קרבן־חטאת, וואָס וועט מכפר זיין זייערע זינד.

זי פיהלען א געהיימניספולען שווידער, וואס פלעגט איך צוגיסען איבער איהר גאנצען קערפער, און זי פלעגט זיך ווארפען אויף די קניע פאר דעם קרייץ און בעטען מיט גרוים עקסטאז.

איהר תפלה פלעגט זי אויסדריקען מיט פאלגענדע ווערטער:

„אה, יעזוס, דו האסט געוויינט און געליטען אויפ'ן קרייץ, בעהם אן מיין חרטה און רייניג מיך פון אלע מיינע זינד, כדי איך זאל נאך מיין טויט ווירדיג זיין אויפגענומען צו ווערען אין הימעל, וואו איך וועל מיך מיט דיר פעראייניגען, אום אייביג צו געניסען די פריידען פון גן־עדן“.

מעהר פון דער רעליגיאן, איז די פערעהרונג פון יעזוס קריס־טום פאר איהר א געטצענדיענסט געוועזען. אין א געוויסען טאג האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז די שמערצענסרייכע יונגפרוי, מא־ריע, די מוטער פון קריסטוס, איז פאר איהר פיעל הייליגער אלס איהר יעזוס קריסטוס, ווייל זיין נאקעטער קערפער אויפ'ן קרייץ האט איהר דערמאנט די נאקעטע קערפערס פון יענע מענער, וועלכע האבען פריהער איהר ליעבע גענאסען. זי האט יענע מענער ניט געקענט פערגעסען און זיי האבען איהר תמיד איהרע פערגאנגענע זינד פארגעשפיגעלט. די שמערצענסרייכע יונגפרוי דאגעגען, מיט אלע פיילען, וואס האבען איהר פלייש דורכגעבויערט, איז פאר איהר מעהר הייליג געוועזען און צו איהר פלעגט זי בעטען, זי זאל פאר איהר ביי איהר זוהן משתדל זיין, ער זאל איהר מוחל זיין אלע איהרע עבירות.

ווי גרויזאם זי איז צו זיך זעלבסט געוועזען, אזוי ניט טאלע־ראנט איז זי געוועזען צו אנדערע. זי האט פערפלוכט יעדע זינד, אפילו די אונבעדייטענדסטע, האט פערהאסט די ראמאנען, די פארנאגראפישע און אויך די געוועהנליכע, און אין איהר סאלאן, צו וועלכען נאר גלחים און ארדענסברידער האבען א צוטריט גע־האט, האט מען אויף די טישען קיין אנדערע ביכער ניט געזעהען ווי נאר די רעליגיעזע ווערק „די לעהרען פון יעזוס קריסטוס“, אדער די רעליגיעזע צייטונג „פהילאטהעא“ און אנדערע רעליגיעזע ווערק.

אַן איבערשפּאַנטע גרעפין

יאיז שעהן געוועזען ווי דער פריהמאָרגען פון א העלען מאי־טאָג. פון געבורט — א רוסישע דאמע, און דערצו נאָך א גרעפין. די דאָזיגע דריי שטריכען פון איהר פּערזענליכקייט זיינען גענוג, אום דעם גאַנצען פּאָרטרעט פון איהר איבערצוגעבען.

דער ווייב, וואָס ווערט געבאָרען אין שעהנקייט, איז שוין פון אָנפאַנג דער לעבענסוועג בעצייכענט, וועלכען אַלע שעהנע פרויען מוזען געהן מיט מעהר אָדער ווייניגער גליק.

די ווייב, וואָס ווערט געבאָרען אַלס גרעפין, מוז זיך בעוועגען אין א קרייז, וואָס איז זעהר ווייט פון די געזעלשאַפטליכע קרייזען, אין וועלכע עס בעוועגען זיך די פרויען פון בירגערליכען שטאַנד און פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אָבער די פרוי, וואָס ווערט אין רוסלאַנד געבאָרען, טראָגט אין איהר וועזען יענע אָריגינעלע רוסישע צייכענס, וואָס זונדערט איהר אָב פון איהרע שוועסטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק, אָדער אונגליק, צו ליעבען פערשיידענע פרויען פון פערשיידענע לענדער, און ווער עס האָט דורך דעם געהאַט די מעגליכקייט און דעם ווילען צו אַנאַליזירען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם ווייבליכען געשלעכט — דער שטעלט די רוסישע פרוי העכער איבער אַלע אַנדערע. די רוסישע פרוי ליעבט, האַסט און גיט זיך אוים אין איהר גאַנץ אייגענעם אַרט, ווייל זי פעראייניגט אין איהרע אָדערען דאָס בלוט פון צוויי פעל־קער און פון צוויי בעזונדערע וועלט־טהיילען און בעזיצט אין זיך די אוצרות פון אַזיען און אייראָפּאַ צוזאַמען. פון אַזיען האָט זי בעקומען די טיעפע אונבעגרענעצטע קראַפט פון די חושים, די רוהיגע גלייכגילטיגקייט צו דער צייט, וואָס געהט אַוועק, און די תמיד הונגעריגע און קיינמאָל ניט זאַט־ווערענדע ליידענשאַפט צו א בעוועגליכען לעבען. און פון דער ציוויליזירטער אייראָפּאַ

האָט זי די פּיעלזייטיגע בילדונג, וועלכע איז דאָרט לייכט צו ער־ווערבען, די נערוועזיטעט, וואָס מאַכט זי יעדען טאָג צו אַן אַנדער בעשעפּעניס, די אויסערליכע ליעבענסווירדיגקייט און די אַנגענעה־מע קאַפּריזען פון דער קאָקעטסטוואָ; און ווייל זי האָט אין זיך מעהר ראַסע פון די סלאַווען, אלס פון דעם לאַטייניִשען און גערמאַ־נישען, האָט זי אויך אַלע פעהלערען פון די סלאַווען. ווער עס ווערט געליעבט פון אַ רוסישער פרוי, דער קען שטאָלצירען ביי דעם געדאַנק און געפיהל דאָס אין דער ליעבע פון יענער פרוי איז פער־אייניגט די ליעבע פון אַ גאַנצען האַרעם פרויען.

און מיין גרעפין איז געוועזן אַ דרייסיגע רוסישע דאַמע און אַ דרייסיגע סלאַווין. זי האָט קיינמאָל דאָס עלענד ניט קענען געלערנט, זי איז קיינמאָל ניט קראַנק געוועזן, זי האָט קיינמאָל ניט געצווייפעלט, אַז דאָס לעבען איז נאָר אַ לוסטיגע קאָמעדיע; אין יעדער לאַגע פון איהר לעבען האָט זי געגאָסען די פערשיידענע לעבענספריידען, און שטענדיג נאָר די לוסטיגע לעבענספריידען. געגען איהרע קאַפּריזען האָט קיינער ניט געטאָרט וואַגען צו פּראָ־טעסטירען, ווען זיי זיינען אויך אָפטמאָל ווילד און משוגע געווע־זען; קיינער האָט ניט געטאָרט אָבהאַלטען איהרע ליידענשאַפטען, און זי האָט געדאַרפט האָבען אַ בייטש, מיט וועלכע מען זאָל איה־רע ליידענשאַפטען אָנפייערען, ווייל זי האָט גענוג פייער אין זיך געהאַט. די פרייד האָט זי פערלאַנגט פאַר זיך און פאַר אַלעמען, און האָט זיך שטענדיג פאָלקאָמען גליקליך געפיהלט, ווען איהר פרייד האָט אויך אַנדערע אָנגעשטעקט, יענע מענשען, וועלכע זי האָט געליעבט, אפילו די, וועלכע זי האָט נאָר וועניג געקענט.

כאַראַקטעריסטיש זיינען אין איהר געווען איהרע צוויי לייד־דענשאַפטען: די ליידענשאַפט צו דעם מענשליכען זכר און די לייד־דענשאַפט צו הינד; און אַז מען וואָלט זי געפרעגט, וועמען האָט זי ליעבער, דעם מענשליכען זכר, אָדער דעם הונד, וואָלט זי אַליין ניט געוואוסט צו וועלכען פון די צוויי איז איהר ליעבע גרעסער.

אין דער ליעבע צום מאַן, האָט זי גאָר קיין גרענעץ ניט גע־וואוסט, און לאַבענדיג און צווישען צוויי קושען פלעגט זי צו איהרע ליעבהאָבער זאָגען, דאָס די נאַטור האָט איהר געגעבען דאָס זעל־

טענע פּריווילעגיום שטענדיג די פריידען פון דער ליעבע צו געניסען און ניט האָבען דאָס בעדערפניש האָטש איינמאָל א מאָנאַט אויסצוקומען אָהן די אומאַרמונג פון א מאַן. זי האָט יעדען טאָג פון מאָנאַט געקענט געניסען די ליעבע פון א מאַן, ווייל זי איז קיינמאָל ניט קראַנק געוועזען אויף יענע נאַטירליכע קראַנקהייט, פון וועלכע אַלע אַנדערע פרויען ליידען דריי־פיער מאָל אין מאָנאַט, א קראַנהייט, וואָס צווינגט זיי יעדען געשלעכטליכען פערקעהר מיט מענער אויסצומיידען. זי איז מיט דעם דאָזיגען פּריווילעגיום צופרידען געוועזען, ווייל זי האָט שטענדיג געקענט די פריידען פון דער ליעבע געניסען און האָט ניט געדאַרפט מורא האָבען פאַר שוואַנגערשאַפט. פרויען, וואָס האָבען ניט די נאַטירליכע קראַנקהייט יעדען מאָנאַט, זיינען שטענדיג אונפרוכטבאַר.

געזעצליך האָט זי איינינגע מאָל געהייראַטעט און ליעבהאָבער האָט זי געהאַט גאָר אָהן א צאָהל. פון איין מאַן האָט זי זיך געלאָזט שיידען, ווייל ער האָט זי געלאַנגווייל. פון אַן אַנדער מאַן האָט זי זיך אָבגעשיידט אין דעמזעלביגען טאָג, אין וועלכען זי האָט מיט איהם די טרויאונג גענומען, און האָט איהם מעהר ניט געזעהען. זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט נאָר דערפאַר, כדי זי זאָל ווידער אויפגענומען ווערען אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, פון וועלכע זי איז אויסגעשלאָסען געוואָרען דורך אַן אוקאַז פון דעם רוסישען קייזער, און כדי זי זאָל דעם פערלאָרענעם טיטעל „גרעפין" ווידער בעקומען. איהר דריטער מאַן, א בילד־שעהנער אָפּערא־זינגער, האָט זי דורך זיין טויט פערלאָרען, און האָט איהם מיט פירסטליכער פּראַכט געלאָזט בעערדיגען. נאָך איהם האָט זי א לאַנגע צייט מיט אמת'ע טרעהרען געוויינט.

ליעבהאָבער האָט זי געהאַט אַזוי פיעל וויפיעל זי האָט געוואָלט. טרייהייט האָט זי קיינעם פון איהרע געליעבטע ניט געשוואָרען. און ווען זי האָט בעמערקט, אַז די ליעבע פון דעם געליעבטען נעהמען אָן טיראַנישע פאָרמען, האָט זי איהם גלייך געגעבען צו פערשטעהן, אַז דיווילדע ליידענשאַפטען מוזען אונטערדריקט ווערען. נאָך איהר מיינונג האָט די ליעבע דריי פּעריאָדען: זי האָט איהר פריהלינג, אין וועלכען דער ליעבעס־גענוס האָט דעם צאַרטען אַראָמאַט פון פרישע בלומען, דאַן די זומער־פּעריאָדע,

דאן די זומער־פעריאָדע, אין וועלכע דער ליעבעס־געגנוס קאָכט און זידט ווי די לאַווא פון א וואולקאן, און צולעצט די הערבסט־פעריאָדע, אין וועלכע דער ליעבעס־געגנוס איז פערשלייערט מיט א טונקעלען שלייער פון מעלאַנכאָליע. דער ליעבהאָבער, נאָך איהר מיינונג, ווען ער וויל די געליעבטע א וואהרען גענוס פערשאפען, דאַרף ניט ארייגשלעפען דעם פריהלינג אין זומער און דעם זומער אין הערבסט...

— מיין ליעבער — האָט זי איינמאָל געזאָגט צו איינעם פון איהרע ליעבהאָבער — ביזט דו דען ניט צופרידען מיט דעם, וואָס איך האָב דיר געגעבען? ווארום ווילסטו אין מיר צושטערען די פרייד, וועלכע דו האָסט מיר פערשאפט? לאָמיר בעססער בעהאַל־טען פאר זיך די טהייערע עראינערונגען אָן יענע טעג וועלכע מיר האָבען צוזאמען פערלעבט, לאָמיר די דאָזיגע זיסע עראינערונגען אוועקלייגען צווישען די בלעטער פון אונזער לעבנס־בוך, ווען מיר וועלען אַלט ווערען און מיר וועלען אונזער לעבענס־בוך דורכבלע־טערען, וועלען מיר זיי ווידער געפינען, און יענע טרוקענע, פון דער צייט געבלייבטע בלומען, וועלען אונז עראינערען אָן די פער־לעבטע געטליכע שטונדען. ווארום זאָלען מיר אונזער ליעבע דער־טרינקען אין דעם טויטען ים פון מאָנאָטאָניע, איינפאָרמיגקייט און לאַנגווייליע? איך וועל דיר לערנען צו געניסען די ליעבע מיט שכל. די ליעבע זאָל שטענדיג לעבען אין דער אטמאָספערע פון דעם מאי־מאָנאט, אין דעם שעהנסטען מאָנאט פון פריהלינג, ווען א בלום נאָך א בלום ווערט געבאָרען, ווען די לעצטע ליליען פער־איינינען זיך מיט די ראָזען, די ראָזען מיט זייערע הונדערט פארבען און טויזענד אראָמאטען, ווען די אַלע בליהענדע קינדער פון דער נאטור, די מאי־גלעקלאָך, די נעלקען מיט זייערע הונדערטע און טויזענדע פיעל־פאַרביגע ברידער און שוועסטער שטעהען אין פולער בליהונג און בערוישען אונזער אויג און נאָז — דאן פייערען מיר דעם פריהלינג יום־טוב פון אונזער יונגען קערפער מיט זיינע יונגע און צארטע חושים און דאן געניסען מיר דעם געטליכען גענוס פון דער וואהרער ליעבע... מיין טהייערער שאטץ, דו דארפסט וויסען, דאָס פיעלע פערפלוכען די ליעבע נאָר דארום, ווייל זיי האָבען ניט די פעהיגקייט די ליעבע צו דערקענען, און ווייל זיי ווייסען ניט

ווי זי צו געניסען; ווייל די ליעבע, וועלכע איז נאָר דערצו געבאָרען, אום אין פריהלינג צו לעבען און צו בליהען, זוכען זיי צו פער־פלאַנצען אין יענער ערד, וועלכע די זון האָט שוין פערברענט און אויסגעטריקענט, און זיי בלייבט נאָר איבריג צו זעהן, ווי די דאָ־זיגע הערליכע פלאַנצע פערליערט איהרע בלעטער און איהר זיסען אָהאָמאָט אין דעם קאַלטען נעבעל פון הערבסט און אין דעם אייז פון ווינטער. און פיעלע אידיאָטען גלויבען, אז מען קען די ליעבע איינבאַלזאַמירען און זי לייגען שלאָפען צוזאַמען מיט מומיען. קום, גיב מיר דעם לעצטען קוש און געה! לאָז בעסער אונזער ליעבע שטאַרבען איידער איהרע ראָזען פערבליהען!

מיר, ציוויליזירטע און מאָראַלישע מענשען, האָבען שטענדיג אָבגעזונדערט די ליעבע פון דער ליידענשאַפט, וואָס ווערט געבאָ־רען אין אַ געוויסען מאָמענט. אָבער פאַר יענע סלאַווישע און אזיאַטישע גרעפין האָבען ליעבע און מאָמענטאַנע ליידענשאַפט געבילדעט איין זאַך, איין געגענשטאַנד, איין בעגריף. דער אונ־טערשייד צווישעןביידע זאַכען איז פאַר איהר נאָר אין דער צייט געלעגען.

זי האָט אָנגעקניפּט ליעבעס, וואָס האָבען נאָר איין נאַכט, אָדער איין וואָך, איין מאָנאַט, אָדער אַ יאָהר צייט געדויערט; לענגערע ליעבעס, ווי איך גלויב, האָט זי קיינמאָל ניט געפיהרט. איהרע ליעבשאַפטען האָט זי איינגעטהיילט אין ווינטער־ליעבעס, פריה־לינגס־ליעבעס און הערבסט־ליעבעס.

איהרע ווינטערדיגע ליעבשאַפטען זיינען פאַר איהר געוועזען די פאָרנעהמסטע און די שכל'דיגסטע. אין זיי זיינען געלעגען געדאַנקען־פערבינדונגען, סימפּאַטהיען אין דער עסטהעטיק, און ביכער און מוזיק האָבען אויסגעפילט אַ גרויסען טהייל פון יענע זיסע און געמוטהליכע שטונדען, וועלכע זי האָט מיט דעם געליעב־טען פערלעבט. יענע מענער, וועלכע זי האָט אין ווינטער מיט איהר ליעבע בעגליקט, האָבען דאָס געהאַלטען פאַר אַ בעזונדערע און העכערע אויסצייכענונג. דאָס איז פאַר זיי געוועזען אַ צייכען, דאָס די ליעבע ליעגט מעהר אין איהר קאָפּ אַלס אין איהר קערפּער.

איהר פריהלינגס־ליעבע האָט זיך פון איהר זומער־ליעבע זעהר וועניג אונטערשיידעט; ווייל די זומער־ליעבע איז פאַר איהר נאָר

א פּאַרטזעצונג פון דער פריהלינגס־ליעבע געוועזען. אין יענע צווי צייט־פּעריאָדען האָט „אזיען“ געזיעגט איבער „איראָפּא“, דאָס הייסט: דער בלייבער אייראָפּעער, וואָס איז פון איהר גע־ליעבט געוואָרען אין פריהלינג, האָט אין זומער זיך געמוזט פער־וואנדלען אין א הייסען זוהן פון אָריענט, ער האָט דאָס געמוזט ווערען אוים ליעבע, אָדער דורך געוואלט. יענע ליעבהאָבער, אין דער זומער־פּעריאָדע, פלעגען זיך פון איהרע פאָדערונגען אין אָנ־פאנג פיהלען שטארק איבעררראשט, דאן דערשראָקען, און פלעגען אָפטמאָל אנטלויפען פון איהר „גן־עדן“, ווייל זיי האָבען מורא געהאט הארט זייערע קנאָכען איבערצולאָזען. צום גליק אָבער פאר איהרע זומער־ליעבהאָבער פלעגט די דאָזיגע פייערדיגע ליעבע אין איהר נאָר א קורצע צייט אָנהאַלטען און קיינער איז פון איהר ניט געשטאָרבען, ווייל אויך די אזיאטישע ווייב מוז זעהר גיך האָבען די אָבוועקסלונג.

איהרע ליעבעס־אוואנטיורעס אין הערבסט — ווען זי האָט נאָר צו זיי די פרייע אויסוואהל געהאט — זיינען פאר איהר די אנגע־נעהמסטע, די בעגעהערענדסטע געוועזען. אין יענער ליבעס־פּעריאָדע האָבען די פלאָמען פון ווילדע ליידענשאפט ניט אזוי שטארק גע־שלאָגען. די כוואַליעס פון לוסט און בעגעהר זיינען ניט אזוי הויך געגאנגען, די קערפּערליכע חושים האָבען געהאט די מעגליכקייט מעהר צו רוהען און קלייבען נייע קרעפטען פאר די אנדערע פּע־ריאָדען. דאן האָט דער גייסט די אויבערהאנד געהאָט, און די איינפאכע „זי“, וואָס איז אין אנדערע צייטען נאָר א שפּיעלצייג, אָדער, בעסער צו זאָגען, א שטיק געשמאקע פלייש פאר דעם „ער“ געוועזען, האָט וויעדער דעם שטאָלץ און דעם אנשטאנד פון דער הויך אינטעליגענטער דאמע בעקומען. אין דער דאָזיגער פּעריאָדע האָט זיך נאָך געפיהלט דער אראָמאט פון די זומער־בלומען, אָבער פיעל שוואכער ווי אין זומער און ווּעניגער בערוי־שענד. די ליעבע פלעגט אָבגעשוואכט ווערען און די נעבעלס פון פאַנטאַסטישער מעלאנכאָליע. מען פלעגט זיך איינער דעם אנ־דערען פאָרלעזען, צווישען איין קוש און דעם אנדערען, די ווערק פון אלפרעד מיוססע אָדער פון בייראָן, אָדער מען פלעגט ביים קלאוויער פערברייגנען אייניגע שטונדען מיט מוזיק פון בעטהאָ־

וועז, אָדער שאַפען. די קושען פּלעגען אפילו זיין לענגערע ווי אין אַנדערע צייטען, אָבער פיעל וועניגער היים.

פּלעגט זיך אָבער טרעפען ווען זי פלעגט פּלוצלונג און גאַנץ אונערוואַרטעט געפּאַקט ווערען פון אַ ליידענשאַפּט, דאַן פּלעגט זי ניט מאַכען קיין אונטערשייד אין מאָנאַט און אין יאָהר־צייט. איך געדיינק נאָך ווי איין מאָל, ביי אַ גרויסען באַלל־פעסט, וועלכען זי האָט אין איהר גלענצענדען פּאַלאַץ פעראַנשטאַלטעט, האָט זי בעמערקט אַ יונגען פייערוועהרמאַן, איינעם פון יענע פייערלייט, וועלכע דער גאָווערנאָר האָט איהר בעווילינגט איהר פעסט אויסצו־פּוצען. זי האָט דעם פייערמאַן פאַר זעהר שעהן געפונען, און האָט דורך איהר האָפמייסטער געלאָזט זאָגען, דאָס ווען דער פעסט וועט זיך ענדיגען, זאָל ער מיט די אַנדערע פייערלייט ניט אוועק־געהן, זאָנדערן ער זאָל זי אין איהר סאַלאָן ערוואַרטען. דער האָ־זיגער קריעגער פון שרפות, האָט דאָרט אין סאַלאָן אין גרויס אַנגסט מעהרערע שטונדען פערבראַכט. ער האָט מורא געהאַט, פיעלייכט האָט ער עפּעס אַ פעהלער געמאַכט, פאַר וועלכען ער וועט בע־שטראָפט ווערען; אָבער צו גלייכער צייט האָט ער אויך גע'חלומ'ט און געהאָפט ווער ווייס פון וועלכען גליק, ווען ער האָט געזעהען דעם פריינדליכען שמייכעלע אויף איהר פנים, מיט וועלכען זי האָט איהם צוגעוואונקען יעדעס מאָל, ווען זי איז איהם פאַרביי.

און יענע האָפנונג האָט געהאַט אַ ראַיעלען גרונד. נאָכדעם ווי אַלע געסט זיינען אוועקגעגאַנגען און זי איז מיט איהם אין סאַלאָן אַליין געבליבען, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און האָט גאַנץ אָפען און מיט אַ שמייכעל צו איהם געזאָגט:

— דו ביזט אַ זעלטען־שעהנער יונג. עפען יענע טיהר און דו וועסט דאָרט געפינען אַ באַד מיט אַ גאַרדעראָבע. וואַש זיך אָרום, פאַרפומיר זיך אויס און נאַקעט ווי דיין מאַמע האָט דיך געבאָרען זאָלסטו אין מיין שלאָפצימער קומען.

און דער פייערמאַן, וואָס איז געוועהנט געוועזען שרפות צו לעשען, האָט זיך געפיהלט אויף דער העכסטער שטופע פון גליק, און אַלס ער איז דעם אַנדערן טאָג באַגינען פון איהר אוועקגעגאַנגען, האָט ער געפיהלט, אַז ער האָט עטוואָס פון זיין קערפּער־געוויכט פערלאָרען, אָבער זיין קעשענע איז דורך אַ געוויסע צאָהל גאָלדענע

מטבעות שווערער געוואָרען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער פייערמאַן האָט פון דער דאָזיגער אוואַנטיורע קיין געהיימניס ניט געמאַכט, זי האָט איהם גאָר ניט פערבאָטען פון דעם צו ריידען, ווייל עס האָט זי קיינמאָל ניט געקימערט וועגען דעם, וואָס די וועלט רעדט פון איהר.

די וועלט האָט איהר אימער פערצייהט איהר אונמאָראַלישען לעבען, ווייל זי האָט זיך תמיד געהיט איהר אויסערליכען שיין ניט צו בעפלעקען, און פיעלע פון יענע דאַמען, וואָס האָבען אין רייסטער זייערע אייגענע עבירות געהאַט, פלעגען זאָגען, אז די געשיכטע מיט דעם פייערמאַן איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. נאָך אַלעמען איז זי דאָך געווען אַ נאָבעלע און אַ גוטהערציגע פרוי, וואָס האָט זיך תמיד גערן אָבגערופען צו לינדערען דעם מענשליכען עלענד און טהאָן גוטעס דאָרט, וואו גוטעס איז נויטיג געווען, און דערום האָט מען איהר גערן איהרע שוואַכקייטען אין דער ליעבע פערצייהט. די מענער האָבען איהרע אַלע פערגעטערט, אַ טהייל אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם הויכען ליעבעס-גענוס, וועל־כען זי האָט זיי פערשאַפט, און אַ טהייל מיט דער האָפנונג, דאָס זיי וועלען איהר אויך די זעלביגע דאַנקבאַרקייט ווען עס איז שול־דיג זיין...

איהר אונערמעסליכען רייכטום האָט זי אויף קעניגליכער אָרט און ווייזע אויסגענוצט. זי האָט פיינט געהאַט די אַלטע פאָרם פון וואָהלטהאַט און צדקה, זי האָט יענע פאָרם בעטראַכט אַלס דום און אונמאָראַליש. אַליין פלעגט זי געהן דעם עלענד און די נויט פון איהרע מיטמענשען זוכען, און זי האָט יענע אונגליקליכע הילף פערשאַפט, האָט זי דאָס געטאָהן אויף אַזאַ נאָבעלען אופן, דאָס די געהאָלפענע זאָלען זיך ניט פיהלען בעליידיגט און זאָלען ניט ווי־סען וועמען זיי האָבען די הילף צו פערדאַנקען, ווייל וואו זי האָט נאָר געקענט, האָט זי איהר וואָהלטהעטיגע האַנד פערבאָרגען.

צו איהרע וואָהלטהעטיגע האַנדלונגען האָט זי געהאַט אַגענ־טען, אויף וועלכע זי האָט זיך מיט זיכערהייט געקענט פערלאָזען, און וועלכע האָבען איהר געדאַרפט אויפזוכען די נויטבעדערפטיגע, מייסטענטיילס יענע, וועלכע מען קען העלפען מיט געלד. צו

דער דאָזיגער קאַטעגאָריע האָבען געהערט רייכע קויפלייט, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון באַנקראָט; פאַמיליען, וואָס זיינען אריינגעפאַלען אין נויט דורך א לאַנגע קראַנקהייט פון זייערע ערנעהרער; קינדער, וועלכע עס איז נויטיג געוועזען אַוועקצושיקען אויף א געוויסע צייט צום ים, אָדער אין די בערג, אום זייער שוואַכען געזונד צו פערשטאַרקען, און האָבען דערצו די געלד־מיטלען ניט געהאַט; לייט, וועלכע קענען פערהיט ווערען פון א קאַטאַסטראָפע דורך א הלואה, און נאָך אַנדערע עהנליכע צרות. קוים האָט זי פון אַזאַ נויט ערפאַהרען, איז זי גלייך ענטשלאָסען געוועזען צו העלפען און איהר הילפרייכע האַנד איז תמיד געקומען צו דער רעכטער צייט, אַמאָל גאַנץ פערבאָרגען און אַמאָל אָפען, אָדער פריינדליך, ווייך, לאַשצענדיג, אום די ברענענדיגע וואונד ניט אויפצורייסען, און ניט צו בעליידיגען די צאַרטע סטרונעס פון דער מענשליכע אייגענליעבע.

ווי נאָבעל און צו גלייכער צייט ווי קלוג זי האָט פערשטאַנען איהרע פילאַנטראָפּישע טהעטיגקייטען אויסצופיהרען, קען דיענען פאָלגענדער פאַל:

זי האָט אַמאָל ערפאַהרען, דאָס א געוויסע דאַמע, וואָס איז דורך דעם באַנקראָט פון א באַנק־הויז, אין וועלכען זי האָט געהאַט דעפּאָנירט איהר גאַנצעס פערמעגען, איז אין גרויס נויט געקומען, און די נויט צווינגט זי איהרע בריליאַנטען און טהייערע מעבעל בסוד צו פערקויפען, אום פאַר זיך און פאַר איהר זוהן, וואָס האָט געשטודירט אין דער אוניווערזיטעט, די נויטיגע לעבענס־מיטעל צו האָבען.

אונזער גרעפין האָט זיך פאַר יענער דאַמע געלאָזט פאָרשטעלען מיט דער ערקלערונג, דאָס מען האָט איהר געזאָגט, דאָס זי בעזיצט אַן אַנטיקען וואונדער־שעהנעם שטאָף, און האָט ווייטער ערקלערט, דאָס זי האָט א וואַהרע ליידענשאַפט פאַר אַזעלכע שטאָפען.

די אָרעמע דאַמע האָט איהר ווירקליך געציינט אייניגע אַלטע שמאַטעס, שטיקער פון טעפּיכען, וואָס האָבען נאָר א גרינגען ווערט געהאַט, און האָט איהר דערביי ערקלערט, אַז קיין אַנדערע זאַכען פון גרעסערן ווערט האָט זי גאָר ניט; די וואָס האָבען דאָס איהר געזאָגט, האָבען איהר געוויס גענאַרט.

אָבער די גרעפין האָט זיך געשטעלט שטאַרק איבערראַשט און האָט מיט גרויס בעוואונדערונג בעטראַכט יענע שמאַטע, און האָט דער דאַמע ערקלערט, דאָס די זאַכען האָבען אַ גרויסען ווערט, און אין איין אָטהעם האָט זי איהר געבעטען די זאַכען צו איהר אין הויז צו שיקען. זי האָט די זאַכען מיט אַזאַ טיעפען ערנסט און מיט אַזאַ פייער געלויבט, דאָס די אָרעמע דאַמע האָט אָנגעהויבען צו גלויבען, דאָס איהרע שמאַטעס האָבען ווירקליך אַ גרויסען ווערט.

און די גרעפין האָט איהר פאַר די שמאַטעס עטליכע טויזענד לירע בעצאָהלט, האָטש זיי זיינען נאָר אייניגע סאָלדי ווערט געוועזען, און זי האָט זיך פון דעם „גלענצענדען געשעפט“ גליקליך געפיהלט.

* *

*

נאָך די מענער, און אפשר נאָך פריהער פאַר די מענער, האָט אונזער איבערשפּאַנטע גרעפין געהאַט אַ ליידענשאַפטליכע נייגונג צו די הינד, וועלכע זיינען, נאָך איהר אורטהייל, בעסער פון אונז מענשען.

זי האָט געהאַט הינד פון פערשיידענע ראַסען, פון פערשיידענע פאַרבען און פון פערשיידענעם וואוקס, גרויסע, מיטעל־געוויקסיגע, קליינע און גאַנץ קליינע. די געוועהנליכע צאָהל פון איהרע הינד איז געווען פערציג, אָפטמאָל האָט די צאָהל געשטיגען ביז פופציג. ווען מען האָט איהרע מיט דעם גרעסטען רייכטום און לוקסוס אויסגעפוצטע סאַלאָנען און אַפּאַרטמענטס בעזוכט, האָט מען איהרע הינד איבעראַל געקענט זעהן: אויף די טרעפּ, אויף די טעפּיכען, אויף די בעטען, אויף די שטוהלען. די הינד זיינען געווען די אונבעגרענעצטע הערשער איבער'ן הויז און איבער דער הויזפרוי, און וועה איז געווען דעם דיענער, וואָס האָט — איך וויל ניט זאָגען שלעכט בעהאַנדעלט — ניין, וואָס האָט זיך נאָר אויף זיי אָנגעבייזערט. צוזאַמען מיט איהר האָבען איהרע ליעבלינגע געגעסען און געשלאָפען. ווען זי איז אַרויסגעפאָהרען אין איהר עלעגאַנטען עקיפּאַזש, האָט זי שטענדיג מיט זיך געהאַט דעם קלענסטען און שעהנסטען הונד.

יעדער הונד האָט זיך געלאָזט רופען ביי זיין נאָמען, מיט וועלכען זי האָט איהם בעצייכענט און אלע צוזאַמען האָבען דורך איהר ליעבע געהאַט די גליקליכסטע עקזיסטענץ פון אלע הינד, וועלכע — זיינען ליידער נאָר צו־פּרוכטבאר — בעפעלקערען גאַנץ איירָאָפּאַ.

און ניט נאָר אין לעבען, אויך אין טויט זיינען זיי גליקליך געוועזען.

אלע איהרע הינד זיינען נאָר פון אלטער־שוואכקייט געשטאָר־בען, ווייל קראַנק זיינען זיי קיינמאָל ניט געוועזען און קיין קראַנקהייט האָט צו זיי ניט געקענט צושטעהן. אַזוי שטרענג איז די היגיענע פאַר זיי דורכגעפיהרט געוואָרען, דאָס קיין איבעל האָט זיי ניט געקענט טרעפען. האָט איינער פון זיי נאָר אַ קרומע מיענע גע־מאַכט, איז באַלד דער טהיער־אַרצט געריפען געוואָרען און ער האָט פון איהם ניט געטאָרט אַבטרעטען מיט זיינע מעדיצינישע מאַסרע־געלען, ביז די קרומע מיענע האָט זיך אויסגעגלייכט.

ווען איינער פון זיי האָט פון זיך די „הבלי העולם" אַבגעטריי־סעלט און איז איבערגעגאַנגען אין דער אמת'ער וועלט, האָט די גרעפין באַלד אַרויסגעשיקט וואונדער־שעהנע און קאָסטבאַרע איינ־לאַדונגס־קאַרטען צו די הינד פון איהרע פריינדינען און בעקאַנטע, און האָט זיי געבעטען זיי זאָלען קומען צו דער לויה און צו דער קבורה פון זייער פערשטאָרבענעם קאָלעגע.

און אלע פלעגען קומען אין פּאַלאַץ אָנגעטהאָן אין טרויער־קליידער, און זיי זיינען פערזעהן געוועזען מיט אַזאַ מעבאַניזמוס, וואָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט ברענענדע ליכט צו טראָגען. אין אַ פייערליכע פּראָצעסיאָן האָבען זיי דעם קאָסטבאַרען זאַרג מיט דעם טויטען אַרויסגעטראָגען אין פּאַרק, וואו דער קבר איז שוין געשטאַנען. ביי דעם אָפענעם קבר האָט אַ פערמאַסקירטער פּריעסטער אַ טרויער־רעדע געהאַלטען, אין וועלכע ער האָט די מעלות, די אמת'ע און די פאַלשע, פון דעם טויטען אויסגערעכענט.

נאָך דער קבורה פלעגען די דיענער סערווירען אַ רייכען מאָהל־צייט פאַר די געגאַסען פון דעם טויטען, וועלכע האָבען דעם פערשטאָרבענעם די „לעצטע עהרע" אַבגעגעבען. דער מאָהלצייט פלעגט תמיד אין פּאַרק סערווירט ווערען. צום אבשייד פלעגט די

גרעפין יעדע הינד לאַרען, גלעטען און קאַרמען מיט צוקער־געבעק.

שפּעטער האַט זיך דער קבר פון יעדען הונד אויסגעצייכענט דורך א מצבה פון מאַרמאַר מיט ביאָגראַפישע דאַטומס פון דעם טויטען. וואָס מעהר מעלות דער הונד האַט אין לעבען געהאַט און וואָס מעהר ער האַט די נייגונג פון דער גרעפין פערדיענט, אַלץ קאָסטבאַרער איז די מצבה געווען.

* *

*

ווען דער שופר פון וועלט־געריכט וועט אמאָל אַלע טויטע פון אונזער פּלאַנעט צו א צווייטעס לעבען אויפוועקען, וועלכען פּלאַץ וועט גאָט'ס פינגער אָנווייזען פאַר אונזער גרעפין? אין גן־עדן, אָדער אין גיהנום?

וואָס עס איז שייך צו מיר, ווען איך וואָלט צו איהר ריכטער בעשטימט געוואָרען, וואָלט איך זי אויף עטליכע יאָהר אוועקגע־שיקט אין גיהנום, און נאָכדעם וואָלט איך איהר אוועקגעשיקט אין יענע הימלישע ספערען, וואוהין עס קומען אַלע יענע, וואָס האָבען אין פערלויף פון זייער לעבען קיין מענשען קיין וועה געטהאָן, וואָס האָבען פיעל מעהר איבעראַל נאָר פרייד געזעעט.

אַ מוטער, אָבער ניט קיין ווייב.

זי איז געווען אַ בלאָנדינע. זי איז געווען די טיפּישע „בלאָנדינע“; ווייל אויף איהר איז אַלעס בלאָנד געווען און די בלאָנדקייט, וואָס פערשעהנערט די קראַפט פון דעם לייב, דעם קעניג פון אַלע חיות, האָט אַרומגענומען איהר גאַנצעס „איך“, איהר גוף און איהר נשמה; די פערבאָרגענסטע סודות פון איהר קערפּער און די אונזיכטבאַרע קנייטשען פון איהר הארץ. דאָס איז געווען דער גאַנצער מאַטעריאַל פון איהר לעבען.

נאַקעטערהייד האָט זי מיט איהרע האָאָר געקענט בעקליידען איהר גאַנצען קערפּער, און דאַן, ווען די זון האָט איהרע גאָלדענע שטראַהלען אויף איהר בעוועגליכען קערפּער געוואָרפען, האָט עס אויסגעזעהען אַזוי ווי די גאַנצע מאַסע פון לעבעדיגען פלייש איז בעשפּריצט מיט גאָלד־פּלעקען. ווען אַ פאַרבענקינסטלער וואָלט זי אין אַזאַ מאָמענט בעטראַכט און וואָלט צוגעזעהען דעם קאַמפּף פון ליכט און שאָטען, פון יאַנטאַר (בערנשטיין) און גאָלד, אויף דעם בלאָנדען קערפּער פון דער דאָזיגער ווייב, וואָלט ער אַ גאַנצען טאָג געמוזט שטודירען דעם שעהנעם פאַרבענשפּיעל.

ווער עס האָט זי צום ערסטען מאָל געזעהען, דער האָט שפּעטער ניט געקענט בעשרייבען די ליניען פון איהר געזיכט, איהר פיגור און איהרע קליידער; ווייל יענער ים פון בלאָנדקייט האָט אַלעס אין זיך אַריינגענומען און אַלעס אין זיך דערטרונקען.

ערסט שפּעטער, ווען מען האָט זי מעהרערע מאָל בעטראַכט, האָט מען געקענט זעהן, אַז זי איז אויך שעהן, אָבער ניט שעהן נאָך די רעגעלען פון דער אַקאַדעמישער עסטהעטיק. איהרע אויגען זיינען ניט געווען בלוי און ניט ברוין; אָבער אין זיי איז געלעגען די געהיימנים פון אָווענד־שאָטענס. איהר קליינער נאָז און אויך איהר מויל, וואָלטען פון די קריטיקער אַלס „רעגולער“ בעצייכענט געוואָרען. איהרע בלענדענד ווייסע צייהן, ווען זיי וואָלטען אָנ־

געפאנגען א קאמפף מיט די ווייסקייט פון איהר קערפער, וואל־טען זיי די זיעגער געבליבען. א הויך פון קוים זיכטבארע בלאנדע האאר איז געלעגען אויף איהר אויבערסטע ליפ און האט אויסגע־זעהען ווי א גאלדענער שאטען.

אבער צוויי געטליכע זאכען האבען דער דאזיגער ווייב דעם צייכען פון הערשענדער שעהנקייט ארויפגעדריקט: איהר אריגינע־לער שמייכעלע און די בעוועגונגען פון איהר פיגור.

איהרע אוואנד־פארביגע אויגען האבען שטענדיג געשמייכעלט. אין קורצע צווישען־פויזען זיינען איהרע אויגען געגאנגען ארויף און אראב דעם גאנצען לייטער פון שמייכלען, און דער דאזיגער לייטער האט געהאט טויזענד שטאפלען מעהר פון דעם לייטער, וועלכען דער פאטריארך יעקב האט אין חלום געזעהען.

ווען די דאזיגע אויגען האבען מיט אן אויסדרוק פון פרייליכ־קייט אויף דיר גערוהט, האבען זיי דיר נאר דאס איינע געזאגט: „איך בין גוט".

אבער ווען די גרינגסטע ערעגונג האט זיי דערווארעמט, דאן האבען זיי געפינקעלט און געשטראהלט, אזוי ווי קליינע עלעק־טרישע פונקען וואלטען זיי דורכגעשלאגען. און ווען די ערעגונג איז אין איהר געוואקסען און איז שטארקער געווארען, דאן האט דער שטראם פון די פונקען און פון די שטראהלען ווי אן אונענד־ליכער מבול פון איהרע אויגען געפלייצט, א מבול, וואס האט דיין בליק איבערשוועמט און דיין הארץ געמאכט ציטערען. און אין אזא מאמענט מוזט דו דיך פרעגען: „איז דאס אפשר די ווייב, וואס טויטעט און בעצויבערט, וואס פערשפרעכט מיט איין איינ־ציגען וואונק דעם גן־עדן אדער דעם גיהנום, דעם טויט אדער דעם לעבען?"

ווען דיינע אויגען רוהען אין איהרע, דאן מוזט דו פערגעסען, אז זי איז בלאנד, אז אונטער חוה׳ס טעכטער איז זי די טיפישע „בלאנדע".

ווען מיטלייד, אדער צונייגונג, גלאנצען אויף אין איהרע אוועונדפארביגע אויגען, דאן ווערען זיי פייכט און לייכטען ווי צוויי טהוי־טראפענס, וואס באדען זיך אין דער זון, און דו מוזט זיך

זאָגען: „ווארום בין איך ניט א קליין פליעגעלע, אום זיך צו באַדען אין יענעם טהוי, וואס איז פול פון ליכט און לעבען?“

ווי די בלאָנדקייט אין דער מענשליכער שעהנקייט איז שטענדיג גלייך צו די פארבען פון אָוונד, אזוי זיינען אויך איהרע אויגען שטענדיג אָוונד־פארביג געווען. באלד האָט מען אין זיי געזעהען די פארבען פון דעם פריה־מאָרגען, און באלד די קאָלירען פון דעם אָוונד; באלד די טונקעלע טאָנען פון א פרייד, וואס האלט אין אָבשטארבען, און באלד דעם קאָליר פון א טרעהר, וואס איז ערשט געבאָרען. דאָ, אין איהרע אויגען, איז געלעגען דער צויבער פון אלעם, וואס בעוועגט זיך און ציטערט צווישען פרייד און שמערץ, צווישען ליכט און פינסטערניס, צווישען דעם, וואס מען קען בעגרייפען און דעם, וואס מען קען נאָר אהנען. היער, אין די דאָזיגע אויגען, זוכען די מענער זייערע געטער און זייערע העכסטע פריידען און יענעם עטוואס, וואס האָט ניט קיין נאָמען אין קיין ווערטערבוך.

ווען איהרע אויגען האָבען געלאכט, האָט מיטגעלאכט איהר גאנצער קערפער: איהרע ליפען, איהר נאָז און אלע איהרע קערפעליכע בעוועגונגען.

אלע איהרע גליעדער זיינען געווען די ווירדיגע חברים פון איהר בלאָנדקייט און האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די צווייטע געטליכקייט פון דער דאָזיגער וויב; ווייל איהרע בעוועגונגען און בויגונגען, איהר זיטצען און איהר געהן, איז געווען גאנץ אנדערס ווי ביי אנדערע פרויען. איך וועל מיך בענוגענען מיט דער קורצער ערקלעהרונג, דאָס אויך איהר פיגור איז בלאָנד געוועזען און די דאָזיגע בלאָנדקייט האָט מען געזעהען ווי א ליכט־שטראהל אין איהר אויסערליכעם און אינערליכעם לעבען.

* *

*

וואו איז די דאָזיגע וויב געבאָרען געוואָרען, און וויפיעל און אויך וועלכע בלוטס־טראָפּענס, וואס טראָגען אין זיך די זריעה פון קערפערליכע גייסטיגע קראנקהייטען, וואס געהען איבער פון עלטערן צו קינדער, האָט די נאטור אין איהרע אָדערען אריינגעגאָסען?

זי איז געבאָרען געוואָרען אין איטאַליען, אָבער דייטשלאַנד און די לאַטיינישע וועלט האָבען אין איהר פעראייניגט דעם שנעע פון נאָרד־פּאָל מיט די זונענשטראַהלען פון די טראָפּישע (הייסע) לענדער; אַזאַ ערשיינונג איז איינע פון יענע וואונדער, וועלכע די ליעבע בעשאַפט טאָג־טעגליך, און וועלכע עס לאַכט זיך אויס פון אונזער גאַנצער וויסענשאַפט.

רייך, אינטעליגענט, פול מיט גוטע געזינונגען און אויך גוט ערפאהרען אין די פּראָבלעמען פון געפיהל, האָט זי די בלומען געליעבט מעהר ווי אַלעס אין דער וועלט און מיט דערזעלביגער ליעבע האָט זי אויך דאָס געלד געליעבט. פון דער נאַטור איז זי געווען אַן אָנהענגערין פון עפּיקור'ס*) פילאָזאָפיע, חאָטש זי האָט דאָס ניט געוואוסט. זי האָט מיט איהר פוס קיין מאָל ניט בעטרעטען יענעם באָדען, וועלכען זי האָט פריהער מיט איהר בליק ניט אונטערזוכט. זי איז געווען אַ שעהמעוודיגע און האָט פעראַכטעט אַלעס, וואָס איז שמוציג און גראָב. זי איז געווען אַ צנועה, ניט וויסענדיג וואָס צניעות איז. זי וואָלט זיך בעסער געלאָזט טויטען, איידער איהר פוס לאָזען אריינטרעטען אין בלאָטע.

שעהנע מענער זיינען איהר תמיד געפעלען געוואָרען, אָבער זי האָט זיי ניט בעגעהרט און ניט געזוכט. זי וואָלט צום גאָט אַפּאָלל (דער מיטהאָלאָגישער גאָט פון ליכט, פון דיכטקונסט, מוזיק, א. ז. וו.) אויך קיין שום נייגונג ניט געהאַט, ווען ער וואָלט צו זיין שעהנקייט אויך ניט געווען אַ העלד און אַ מאַן פון אַ רייכען גייסט. זי האָט פערגעטערט די קראַפט און האָט פעראַכטעט פאַלשקייט, רמאות. זי אליין האָט גאָר ניט פערשטאַנען ווי אַזוי מען קען זאָגען אַ ליגען. איהר גרעסטע מאַכט איז געלעגען אין שווייגען און זי האָט תמיד אויסגעמיידט אימיצען צו בעליידיגען און

*) ע פּ י ק ו ר, אַ בעריהמטער גריעכישער פילאָזאָף, וואָס האָט געלעבט אין אַטהען אין פיערטען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס געבורט. ער האָט זיינע תלמידים געלערנט צו גלויבען, אַז די פריהייט פון דער נשמה פון זאָרגען און שמערץ, איז דאָס איינציגע מענשליכע גליק. דער מענש דאַרף נאָר לוסטיג לעבען און בעפרידיגען זיינע גייסטיגע און קערפּערליכע נייגונגען.

װעה צו טהאָן, װייל דער שמערץ פון איהרע מיטמענשען איז געװען א י ה ר שמערץ. זי האָט געגלעט און געלאָשצעט די קינדער און די אַלטע מענשען, װיילביידע זיינען שװאַך, און האָט זעהר פיעל גוטעס געטהאָן פאַר איהרע אונגליקליכע מיטמענשען, װייל איהר גרעסטער שמערץ איז געװען צו זעהן איהרע מיטמענשען ליידען. עס האָט איהר ניט אויסגעמאַכט אויב די ליידענדע זיינען געװען מענשען, חיות, אָדער פלאַנצען; איהר רחמנות און איהר הילף האָבען אַלע גענאָסען. זי האָט אויך געפיהלט דעם שמערץ פון די בלומען און האָט קיינמאָל קיין הארץ געהאַט א בלום פון צװייגעל אָבצורייסען. די בלומען אין איהר סאַלאָן זיינען תמיד געװען פון פרעמדע גערטנער און פון פרעמדע הענד אָבגעריסען.

זי האָט געהייראַט מיט דעם ערסטען מאַן, װאָס האָט די פערבינדונג פון איהר פערלאַנגט, חאָטש זי האָט איהם ניט געליעבט, נאָר דארום, װייל איהר פאָטער האָט איהר געזאָגט, אַז דער מאַן איז פאַר איהר אַ גוטע פאַרטיי. ער האָט איהר אויך דערביי ערקלערט, אַז „אַלע איהרע חבר'טעס הייראַטען, און נאָר די העסליכע און די אָרעמע קענען ניט קריגען אַ מאַן. מיידלאַך, װאָס בלייבען זיצען אָהן אַ מאַן, זיינען די אונגליקליכסטע און פעראַכטעטע בעשעפעניסען פון דער װעלט“. דארום האָט זי געהייראַט, אָבער אָהן ליעבע.

„און װאָס איז איבערהויפּט די ליעבע?“ פלעגט זי זיך פרעגען אין די געדאַנקען אין די מאָמענטען פון שטילער בעטראַכטונג. „װאָס איז דאָס יענע ליעבע, פון װעלכע אַלע אין איהר אומגעבונג ריידען, יענע ליעבע, פון װעלכע איהרע פריינדינען, די צייטונגען און די ביכער זאָגען, אַז דאָס איז די גרעסטע פרייד און פערבאָרגט צוגלייך אין זיך די מאַכט, װאָס טרייבט צו די שרעקליכסטע פערברעכען?“ זי האָט דאָס ניט געװאוסט און האָט עס ניט געקענט ערפאָרשען. פיעלייכט װעט דאָס איהר דער מאַן זאָגען? — — און זי האָט מיט איהם געהייראַט; װייל נאָך אַלעמען איז זי דאָך געװען חוה'ס אַ טאָכטער, אַ טאָכטער פון יענער אור־אור־אור שטאַממוטער, װאָס האָט אויס נייגירדע די פערבאָטענע פרוכט :עגעסען. —

איהר מאן איז געווען אן עהרליכער, געשעצטער מענש, דער ריכטיגער טיפ פון היינטיגע מאָדערנע ציוויליזירטע דורכשניטס־מענשען. ער האָט אָבער ניט געליעבט די בלומען און איז ניט בעגייסטערט געוועזען פאר די פארבען פון באגינען און פון אָווענד. אין דער פיזישער וועלט און אין דער מאָראל האט ער נאָר געוואוסט דאָס שווארצע פון ווייסע צו אונטערשיידען; גרויע פארבען זייגען פון איהם ווייט געלעגען.

ליעבענדיג אונזער בלאָנדע בעשעפענים מיט אן אונבעגרע־נעצטע ליעבע, האָט ער אין דער האָכצייטס־נאכט געוואָלט פון איהר בעזיץ ערגרייפען. דערצו האָבען איהם דאָך די ציוויל־געזע־צען און דער גלח דאָס רעכט געגעבען!

די בלאָנדע ווייב האָט ניט פערשטאנען, אָדער זי האָט צו פיעל פערשטאנען. אין דער האָכצייטס־נאכט האָט זי זיך איבער־צייגט מיט איינמאָל, אז די ליעבע איז עטוואָס גרוויזאמעס, ברוּ־טאלעס, ווילדעס, אז זי איז נאָר א שענדונג און א שעדיגונג פון אלע איהרע פיזישע און מאָראלישע געפיהלען. די נאטור האָט איהר אויף דעם גרוויזאמסטען אופן דעם גאנצען גן־עדן פון דעם ליעבעס־געגום פערניכטעט.

און אזוי איז געגאנגען נאכט פאר נאכט. איהר גוטסקייט האָט איהר געהייסען פערבאָרגען דעם פיזישען שוידער, וועלכען זי האָט אין די אָרעמס פון איהר מאן געהאט, אָבער דעם ליעבעס־געגום האָט זי דערביי ניט געפיהלט. זי האָט זיך אונטערגעגעבען אונטער דער הערשאפט פון שיקזאל מיט א געפיהל פון ווידער־ווילען און עקעל און דער דאָזיגער געפיהל האָט אין איהר ארויס־גערופען די פאָלקאָמענע גלייכגילטיגקייט צו דעם געטליכען אקט פון לעבען, א גלייכגילטיגקייט נעגען די פערגעטערונג פון אלע מענשליכע פריידען. זי האָט דעם מאן געגעבען יענע קרבנות, וועלכע די נאטור פאָדערט פון אלע פרויען, דעם מאן וואָס ליעבט זי און וואָס פערגעטערט זי אלץ מעהר פאר איהר שעהנקייט, פאר איהר בלאָנדע שעהנקייט, וואָס געהערט צו איהם אין גאנצען. אָבער זי האָט אויך דערביי געפיהלט א מאָראלישען שמערץ ביי דעם בעוואוסטזיין, דאָס זיין ליידענשאפט ווערט ניט בעפריעדיגט

אין פולען מאָס פון איהר זייט, ווייל ער מוז דאָך אין יענע הייסע ליידענשאַפטליכע מאָמענטען פיהלען, דאָס די ליעבע איז נאָר אַן איינזייטיגע ליעבע, נאָר פון זיין זייט, און דאָס איז דער גרעסטער שמערץ וואָס קען טרעפען דעם מאַן.

און יענער אָרעמער מאַן האָט שטענדיג א ל י י ן געליעבט און האָט דערלעבט די גרעסטע ערניעדריגונג צו זעהן ווי זיין פרוי לעזט די צייטונג אין יענע מאָמענטען, ווען ער וויל זי טראָגען צום הימעל אויף די פליגלען פון דער ליעבע.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז באַלד געבאָרען געוואָרען א שפּאַלטונג דאָרט, וואו די ליעבע האָט געדאַרפט זעען איהרע שעהנסטע פּעריל. פאַלש זיין און מאַסקירען זיך מיט פאַלשע ליעבע האָט זי ניט געקענט. אויף זיין פּייער האָט זי געענטפערט מיט אייז און אויף זיין ווילדען בעגעהר — מיט א געניץ. די ליעבע פון יענע צוויי בעשעפעניסען, וועלכע זיינען איינער פאַר דעם אנדערן ניט געשאַפען געוואָרען, איז קיינמאָל ניט איניג געוואָרען; און דאַ האָט די נאַטור געטהאָן איהר אייביגע ארבייט. די פרוי, וואָס האָט מיט דעם מאַן אָהן ליעבע געלעבט, איז מוטער געוואָרען, און דוקא עטליכע מאָל מוטער. —

* *
*

אונזער בלאָנדע ווייב איז געווען א זאָנדערבאַרע ווייב, וואָס האָט פון דער נאַטור געהאַט אַלע שעהנהייטען, אום די מענער צו בעצויבערען, א גאַנצען אוצר פון חן, אום די מענער צו זיך צו צובינדען, אָבער דער חוש פון תאוה האָט איהר געפעהלט! און מען קען ניט זאָגען, אַז זי האָט ניט געוואוסט, דאָס זי איז שעהן, ווייל דער שפּיעגעל און די טויזענדע פערליעבטע אויגען האָבען דאָס איהר געזאָגט און אין אַלע טאָנאַרטען וויעדערהאָלט יעדען טאָג. און מען קען אויך ניט זאָגען, אַז זי האָט ניט פערשטאַנען מיט וואָהרער קונסט צו געברויכען יענע שרעקליכע קרעפטען, וואָס שפּרינגען ארויס פון דער שעהנקייט, חן און יוגענד, יענע קרעפטען, וואָס האָבען אין איהר בעוועגליכען און בעצויבערנדען קערפּער ווי א לעבעדיגער פּייער געברענט.

איז זי געווען קאָקעט, אָדער ניט? איהרע שלאַנגענעהנליכע בעוועגונגען זיינען תמיד געווען צניעות'דיג, ווייל זי האָט די דאָזיגע בעוועגונגען געמאַכט אָהן א שום אבזיכט צו פערפיהרען; אָבער אין דערזעלביגער צייט האָבען זיי פּלוצלונג ארויסגערופען דעם גליהענדען וואונש צו ליעבעס־נענוס, און דארום האָבען זיך די מענער תמיד געשטעלט די פראַגע: „איז זי קאָקעט, אָדער ניט?“

דער גרעסטער טייל מענער האָט געזאָגט: „זי איז קאָקעט“. זי איז מעהר אַלס קאָקעט. זי איז די געטין פון קאָקעטסטווא. יעדער שמייכעלע, וועלכען זי רופט ארויף אויף איהר פנים, האָט אין זיך א צויבער און אַן אויפפאָדערונג, און יעדער בויג און בעוועגונג פון איהר טאַליע האָט אין זיך א פערשפּרעכען, א צוזאָג...

אָבער דער קלענערער טהייל מענער, די פּסיכאָלאָגען און די אַלטע, וואָס האָבען די ווייבער־וועלט קענען געלערנט דורך א לאַנגיאָהריגע בעאָבאַכטונג, יענע, ביי וועלכע דער בליק איז געשאַרפט און פייערדיגעווינשונגען זיינען שוין אויסגעלאָשען — האָבען פון איהר געזאָגט: „די דאָזיגע בלאָנדע שעהנהייט איז ניט קאָקעט. איהר בליק שטייגט פיעל העכער, זי איז צו פיעל צנועה און צו פיעל קאַלט; זי האָט קיין פערלאַנגען און קיין וואונש. וואו זי בעוועגט זיך, דאָרט זעעט די ווינשונגען און פערליעבטע זיפצען, ווייל איהר שעהנהייט און איהר חן ווירקט ווי בעהערשענד; זי איז קאָקעט ווי א ראָזע, וואָס שיקט ארויס איהר בערוישענדען אראָמאַט און דעם שמייכעלע פון איהרע ראָזיגע בלעטער אין איהר אומגעבונג און ווייס אַליין ניט פון איהר ווירקונג. נאָר יענע פרוי איז א קאָקעטקע, וואָס שפּיעלט זיך מיט איהר קאָקעטעריע, וואָס טהוט דאָס מיט א געוויסער אבזיכט, וואָס זוכט און שטודירט ווי צו געפעלען, צו בעצויבערען, צו פאַנגען און צו פערפיהרען. אונזער בלאָנדע האָט ניט אַזעלכע אבזיכטען“.

אָבער אַלע האָבען זי בעוואונדערט, אי יענע, וואָס האָבען איהר אַלס קאָקעט ערקלערט, אי יענע, וואָס האָבען צו דער מיינונג ניט צוגעשטימט, און די אינגערע און די פייעריגסטע אונטער זיי וואָלטען ניט פערזאַמט קיין מינוט אוועקצוגעבען א יאָהר פון זייער לעבען פאַר א קוש פון איהרע ליפּען.

אונטער די פערשיידענע ווינשונגען, וועלכע זי האט אונבע־וואוסט ביי די מענער ארויסגערופען, האט זי אויך אויפגעוועקט א ליידענשאפט, איינע פון יענע ווילדע און שרעקליכע ליידענ־שאפטען, געגען וועלכע דער שטארקסטער ווילען איז אהנמעכטיג, געגען וועלכע דער געזונדער פערשטאנד קען ניט קעמפפען און געגען וועלכע אלע פאראורטיילען און ווידערשפרעכונגען זיינען מאכטלאז; יענע ליידענשאפט, וואס צושטערט מויערען און שייד־רע־ווענד, שפרינגט אריבער די טיעפסטע אבגרונדען און וואס פיהרט צום פערברעכען, אדער צום זעלבסטמארד.

אויף די אייז־קאלטע פרוי פון אונזער וועלט, אויף די טוגענד־האפטיגסטע און פרומסטע ווייב, האט ליעב אזא ליידענשאפט, וואס ברייגגט איהר איין אזוי פיעל זיעגעסצייכען און אזוי פיעל לארבער־קראנצען, דער פרייז, וועלכען די מענער לייגען אוועק צו איהרע פיס.

עס וועט אונז אוועקפיהרען צו ווייט, ווען מיר זאלען וועלען כאראקטעריזירען און אנאליזירען אלע מאמענטען פון אזא ליעבע, יענע ליעבע, וואס מאכט דורך די פעריאדען פון אן אונענדליכע ליידענשאפט, אין וועלכע א טהייל מענשען זוכען ליעבע אדער דעם טויט, און א צווייטער טהייל פון די מענשען פיהלען זיך בעגליקט פון דער וואהרער ליעבע, וואס האט זיי זאט בעפריעדיגט מיט איהר זיסען ארא‏מאט פאר דעם לאנגען קאמפף און פאר דעם העלדענמוטה, מיט וועלכען זיי האבען זייער ענדציעל דערגרייכט. איינער בעטעלט, וויינט און סטראשעט מיט דעם טויט. ער בע־געהט אלע שוואכקייטען, אלע ניעדריגקייטען און אלע גרויזאמקיי־טען מיט דער איינציגער אבזיכט זיין טהיערישע תאוה צו זעטי־גען, חאטש דער געגנום זאל נאר געדויערען די צייט פון א בליטץ, און דער אנדערער ווירקט אויף דעמזעלביגען פעלד מיט לוסטיגען ציניזמוס, מיט לופט־שפרונגען פון א קלאון, מיט פערשיעדענע פאיאצערייען, ביז ער דערגרייכט זיין ציעל. האט ער דאס ניט דערגרייכט לאכט ער זיך אויס און טרויסט זיך מיט דעם געדאנקען, דאס אויב ער האט די בלאנדע ניט געקענט בעזיעגען, וועט זיין שטרעבען האבען א בעסערען ערפאלג ביי א ברונעטע, אדער ביי א סאטינע.

דאס אלעס וועלען מיר ווייטער און ברייטער ניט ערקלערען, ווייל זיי זיינען דעם אינטעליגענטען מענשען מעהר אדער וויני־גער בעקאנט. מיר האבען איצט צו טהאן מיט אונזער בלאנדע שעהנהייט. האטש זי איז ניט קאקעט געוועזען און האט ניט געמאכט קיין יאגד אויף די מענער, זיינען איהר הונדערטע ליעבעס־דורשטיגע מענער בעטלענדיג צו די פיס געלעגען. זי איז קאלט געבליבען און האט זיך געלעבט מיט איהר אייגענער נאטור, מיט איהר אייגענעם טעמפעראמענט. ענדליך איז אין איהר א געוויסע ענדערונג פארגעקומען. זי האט זיך שוין ערלויבט פון א פער־עהרער א קוש אנצונעהמען, ניט אויס ליעבע, נאר אויס מיטלייד, אבער זי האט איהם ניט צוריק געקושט. זי איז געוועזען ווי דער קאלטער ווינד, וואס לעשט ניט אויס דעם פייער, פארקערט, ער בלאזט איהם נאך מעהר אויף.

און עס איז דאך געקומען דער טאג, אין וועלכען זי האט דערפיהלט די גאנצע פוסטקייט פון איהר לעבען, דער טאג, אין וועלכען זי האט איינגעזעהען, אז זי איז נישט מעהר ווי די רויז, וואס בערוישט אלעמען מיט איהר געטליכען ארמאט, וואס לאזט אלעמען איהרע בשמים געניסען, און אליין האט זי קיין גענוס און קיינע פריידען. אלע ליעבען איהר און זי האט קיינעם ניט, וועל־כען זי זאל קענען ליעבען און איהר גאנצע הארץ אוועקגעבען. ווי גאנץ אנדערש געניסען איהרע פריינדינען זייער לעבען! א טהייל פון זיי געפינען זייערע לעבענס־פריידען אין די ארעמס פון זייערע געזעצליכע מענער, וועלכע זיי ליעבען, און א צווייטער טהייל געפינט עס אין די ארעמס פון געליעבטע. פאר וואס זאל זי ניט אויסזוכען איינעם, וועלכען זי זאל ליעבען און מיט דער ליעבע אויספילען די גרויסע פוסטקייט פון איהר לעבען? אבער אויף דער דאזיגער פראגע, וועלכע זי האט זיך טאג־טעגליך אין איהרע איינזאמע שטונדען ווידערהאלט, האט איהר שטענדיג א שרעקליכער און קוועלענדער געדאנק דעם ענטפער געגעבען:

„דו ווייסט דאך אז די מענער האבען ניט קיין זין און קיין ווילען פאר די פלאטאנישע ליעבע, יענע ליעבע, וואס טראגט זיך ארום אין די קעפ פון די אידעאליסטען, פון די פאעטען, אבער ניט

אין זייערע הערצער; יענע אידעאלע ליעבע, וואָס ווערט אַזוי שעהן בעשריבען אין די ביכער און ווערט בעזונגען מיט געפליגעלטע ווערטער. אַט די אַלע אידעאַליסטען און פּאָעטען קענען נאָר א י י ן מין ליעבע, די גרעבסטע און די שמוציגסטע. די ליעבע פון פלייש צו פלייש, פון קערפּער צו קערפּער, די ליעבע, וואָס האָט אין זיך קיין אַטאָם גייסט. זיי ווילען נאָר דאָס ווייב ב ע ז י צ ע ן, און דאָס ווייב דאַרף זיי נאָר איהר קערפּערליכען מאַטע־ריאַל אַרויסגעבען, מוז דולדען זייערע עקעלהאַפטע אומאַרמונ־גען און זייערע ברוטאַלע טהיערישע ליידענשאַפטען בעפריעדיגען. זי מוז אימער קעמפּפען מיט אַזאַ מאַן, און ווען זי האָט נאָך דערצו ניט די קראַפט, מוז זי זיך פון איהם אין גאַנצען אָבשיידען".

— אָה ניין און ווידער ניין! — האָט זי זיך אין די געדאַנקען געזאָגט — ווען די ליעבע פערלאַנגט אַזעלכע אָפּפער, דאַן וויל איך ניט געהערען צו מיין געזעצליכען מאַן און אויך ניט צו קיין אַנדערען.

זי האָט זיך געלאָזט שיידען פון איהר געזעצליכען מאַן און האָט אָנגעקניפּט אינטימע בעציהונגען מיט א מאַן, וואָס איז צום שטאַרבען אין איהר פערליעבט געווען.

זי האָט געמאַכט דעם פערזוך איהם אָהן ליידענשאַפט צו ליעבען, און האָט איהם איינגעלאַדען צוזאַמען מיט איהר דעם אָלימפּ*) צו בעשטייגען, יענעם באַרג, וועלכען מען האָט ערקלערט אַלס די רעזידענץ פון דער פּלאַטאָנישער ליעבע, און וועלכען מאַנכע פרויען האָבען פערשאַנען ווי איהם צו דערגרייכען, אָבער וואו מען האָט קיינמאָל ניט געפונען קיין שפּור פון א מענשליכען פוס.

דער פערליעבטער האָט איהר איינלאַדונג אָנגענומען. אפשר האָט ער דערביי געגלויבט און געהאָפט, אַז די פּלאַטאָנישע ליעבע, וועלכע זי האָט איהם פערשפּראָכען און וועלכע זי האָט פון איהם

*) אָ ל י מ פּ איז אַ בעריהמטער באַרג אין טהעסאַליען (גריכענ־לאַנד). די אַלטע גריעכען און רוימער האָבען געגלויבט, אַז דער דאָזי־גער איז דער זיטץ, אָדער די רעזידענץ פון דעם גאָט יופּיטער און פון אַלע אַנדערע געטער. די גריעכישע פּראָווינץ טהעסאַליען הייסט היינט: ל אַ ב אַ.

פערלאַנגט, וועט זיך סוף כל סוף פון דעם הויכען שפיץ באַרג אַרונטערקייקלען און וועט בלייבען שטעקען אין יענעם טיפען טהאָל, אין וועלכען די מענשליכע וואַנדרער קומען צוזאַמען מיט זייערע גראָבע קערפערליכע תאוות און מיט זייערע זינד.

אָבער זי האָט געגלויבט אין דער פלאַטאָנישער ליעבע, און וועיל זי האָט די גראָבע ליידענשאַפטען ניט געקענט, האָט זי גע־האַפט צוזאַמען מיט איהר פריינד דעם שפיטץ פון דעם געטער־באַרג צו דערגרייכען. ווי חלומ׳דיג האָט זי צו איהם געזאָגט:

— איך קען פון אייך אָננעהמען נאָר יענע ליעבע, וועלכע בינדט צוזאַמען די נשמות און שמיעדט צוזאַמען די הערצער, אָבער ניט יענע ליעבע, וואָס פעראייניגט נאָר די לייבער. איך האָב ניט קיין זין און קיין לוסט פאַר א ליעבע, וואָס איז געגען מיין מאָראַל, געגען מיין רעליגיאָן און געגען אַלע מיינע חושים; פון אַזאַ ליעבע מוז איך שטאַרבען. איך וועל אייער פערשפרעכען מיך אַזוי צו ליעבען ווי איך וויל אייך ליעבען, א פראָבע אונטער־וואַרפען. מאָרגענדיגע נאַכט וועט איהר צוזאַמען מיט מיר אין בעט שלאָפען און איך וועל די גאַנצע נאַכט צו אייך געהערען, ווען איהר פערשטעהט אונטער דעם קיין אַנדער זאַך ווי נאָר זיך געגענזייטיג צו קושען, צו געפינען אונזער גליק אין דעם ריינעם גענוס פון דעם קוש און די גאַנצע נאַכט צו פלוידערן.

דער פריינד האָט זיך די דאָזיגע פראָבע אונטערוואָרפען און האָט זיך דערביי געהאַלטען פאַר דעם גליקליכסטען פון אַלע שטערב־ליכע. אפשר האָט ער דערביי געגלויבט, אַז אויף דעם אופן וועט ער צוזאַמען מיט איהר ערפאַהרען, דאָס די פלאַטאָנישע ליעבע, חאָטש זי איז א זעלטענע ערשיינונג אין לעבען, אָבער זי איז דאָך מעגליך און קומט פאָר ביי אויסערוועהלטע נשמות.

אָבער דאָס איז געוועזן א גיהנום־נאַכט, ניט קיין פאַראַדיזישע נאַכט. ער האָט די גאַנצע נאַכט נאָר געוויינט און איז דורכגעלאָ־פען אַלע שטופען פון א טויטליכען וואַהנזין, און ווען ער איז דאָך ניט געשטאָרבען, האָט ער דאָך אייניגע טעג אין לעבענס־געפאַהר־געשוועבט. אָבער די ליעבע פאַר יענע בלאָנדע און קאַלטע שעהנ־הייט איז אין איהם אויף אויביג אָבגעשטאָרבען. זי איז שוין

פאַר איהם דער געשמאַקער געגנוס־ביסען מעהר ניט געוועזען. ער האָט אין איהר געזעהען די אונעהרליכסטע און פערשאָלטענסטע פון אַלע מענשליכע בעשעפּעניסען, דעם טייוועלשען אויסדרוק פון דער גרויזאַמסטער קאָקעטעריע. און דאָך איז זי געווען די שעהנ־סטע מענשליכע בעשעפענים, וועלכע די נאַטור האָט דורך אַ גרויזאַמען וויטץ בעשאַפען אָהן אַ פונק פון מענשליכער ליידענשאַפט.

* *
*

דורך יענע נאַרישע און אונבעזאָנענע פּראָבע, מיט וועלכע זי האָט איהר פערעהרער די פּלאַטאָנישע ליעבע געוואָלט לערנען, איז זי אויך זעהר שטאַרק אויפגעטרייסעלט געוואָרען, און פון יענער נאַכט אָן איז איהר רייצענדער שמייכעלע ווי פון אַ מעלאַנ־כאָלישען וואָלקען דורך איהר גאַנצעם לעבען פערשלייערט גע־וואָרען. ווען זי האָט געזעהען ווי די מענער, וואָס האָבען ווי די ביענען אַרום איהר אַרומגעשוועבט, זיפצען און בעטלען ביי איהר אַ קוש, אַ גלעט, אָפטמאָל נאָר אַ פריינדליכען שמייכעלע, האָט זי דאַן גאָר געדאַכט פון דעם טהיערישען וואונש, וואָס איז דער אונזיכבאַרער בעגלייטער פון יענע זיפצען, זי האָט געזעהען די גראָבע און שמוציגע תאוה, וואָס ליעגט פערבאָרגען אין די בלומען בוקעטען, וועלכע די מענער האָבען איהר געבראַכט; זי האָט גע־הערט דעם קלאַנג פון דער הייסער ליידענשאַפט אין די פערזען, מיט וועלכע מען האָט איהר בלאָנדע שעהנקייט בעזונגען, און האָט געפונען דעם וואַהרען זין אין אַלע פערשפּרעכונגען, וועלכע די מע־נער האָבען איהר צו די פיס געלייגט. דער ליעבענדער מאַן איז פאַר איהר שטענדיג נאָר אַ בייזע חיה געווען, אַ שמוציגע און אַ ווילדע חיה.

און זי האָט זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל ענטשלאָסען, פון היינט אָן נאָר קראַנקע מענער צו ליעבען, און נאָך בעסער יענע קראַנקע, וואָס זיינען פערדאַמט צו שטאַרבען דורך אַ לאַנגזאַמען און שמערצהאַפטען טויט.

זי האָט זיך פערליעבט אין אַ העסליכען און קריפּעלהאַפטען מאַן, וועלכען אַנדערע פרויען האָבען אויסגעלאַכט און פעראַכטעט,

אָבער פון איהם איז זי זיכער געווען, אז ער וועט קיינמאָל ניט האָבען דעם מוטה פון איהר צו פערלאַנגען יענע ליעבע, וועלכע איהר געזעצליכער מאַן האָט פון איהר פערלאַנגט, און וועלכע עס ווערט פון אַלע מענער געפאָדערט . מעהר פון אַלע אַנדערע האָט זי דעם דאָזיגען שווינדזיכטיגען יונגען פערעהרער געליעבט, האָט איהם געבראַכט אין די קור־פלעצער פון דאַוואָס און מעראַן, האָט איהם זיין לעבען פערלייגערט דורך דער גוטער אויפזיכט פון אַ קראַנקען־שוועסטער, זי האָט איהם געטרויסט און אויפגעמונטערט מיט איהר פריינדליכען שמייכעלע, גאָר אָהן אַ מורא פאַר די באַ־ציעלן האָט זי זיינע ליפען געקושט, און צולעצט האָט זי צוגעדריקט זיינע אויגען, וועלכע האָבען איהר געבענשט און מיט אַ לעצטען שמייכעלע, פאַר זיין שטאַרבען, געדאַנקט פאַר איהר ליעבע. זי האָט איהם בעערדיגט מיט דער ליעבע פון אַ מוטער, און נאָך היינט בעפוצט זי זיין קבר מיט פרישע בלומענקראַנצען, וועלכע זיינען נאָס פון איהרע טרעהרען.

פיעלע פון מיינע לעזער וועלען איהר האַלטען פאַר די אונ־גליקליכסטע בעשעפענים אויף דער וועלט.

איך אָבער האָב אין זינען יענע פיעלע פרויען, וואָס פערקוי־פען ליידענשאַפט און ליעבעס־גענוס, וועלכע זיי פיהלען ניט, פאַר מיינע אויגען שטעהען פיעלע פון יענע פרויען, וועלכע האָבען זייערע געזעצליכע מענער און אויך זייערע ליעבהאָבער פערראַטען, איך דענק צוריק פון אַלע שאַנדטהאַטען אין דער ליעבע, יענע ליעבע, וועלכע מען פערקויפט פאַר ביליגע פרייזען און וועלכע מען קויפט ; ווען איך בעטראַכט די גאַנצע פאַלשקייט מיט וועלכע די ליעבע בעקליידעט זיך, מוז איך בעהויפטען, דאָס יענע בלאָנדע ווייב איז די גליקליכסטע בעשעפענים פון דער וועלט.

אַ שכל'דיגע האַלטונג

זי איז קיינמאָל ניט שעהן געוועזען, אויך ניט דאַן, ווען זי איז געווען אַ יונגע מיידעל, אין יענעם אַלטער, ווען אַ זוניגער שמייכעלע פערוואַנדעלט אין אַ פריהלינג־בלום אויך יענע פרויען, וועלכע די נאַטור האָט זיי ביי דער געבורט שטיפמוטערליך בעהאַנדעלט. און היינט, ווען זי איז שוין אין דער פעריאָדע פון פערבליהען און פערוועלקען, קען זי דאָך געווים ניט שעהן זיין. אָבער אויך יענע מענער, וואָס פעראַכטען די ניט־שעהנע פרוי אַלס פערברעכערין, האָבען איהר ניט־שעהנקייט בעדויערט און בעוויינט. זי האָט געהאַט אַזוי פיעל אַנדערע אוצרות פון מעלות, אַזוי פיעל פאָרצוגען, וואָס האָבען די קערפערליכע שעהנקייט גאַנץ איבערפליסיג געמאַכט.

און אין וואָס זיינען בעשטאַנען די דאָזיגע אוצרות? קיינער פון די פיעלע מענער, וואָס האָבען זיך אין איהר פערליעבט, וואָלט דאָס ניט געקענט זאָגען; ווייל אַלע מענער, וואָס זיינען געבאָרען אונטער דער זון, קענען פרייד און לייד, לאַכען און וויינען; אָבער — צום גליק — קענען נאָר ווייניגע פון זיי זייערע פריידען און ליידען בעגרייפען און צוגלידערן. פון אַלע אורטהיילען, וועלכע מען האָט איבער די האָזיגע פרוי אַרויסגעגעבען, האָט מען געקענט אַרויסנעהמען דעם איינציגען און אַלגעמיינעם שלום: „זי איז ניט שעהן, אָבער זי איז שטאַרק סימפּאַטיש!". און זי איז אמת סימפּאַטיש געוועזען, איך מעג זאָגען: אַן אידעאַל פון סימפּאַטיע, וועלכע אַ מענשליכע בעשעפענים קען אויסברייטען איבער איהר אומגעבונג, און די דאָזיגע סימפּאַטיע האָט אַרויסגערופען דער שמייכעלע פון איהרע אויגען, דער שמייכעלע פון איהרע ליפּען, איהר שטימע, וואָס האָט געווירקט ווי דער גלעט פון אַ צאַרטע האַנד און די אַנמוטהיגע בעוועגונג פון איהר קאָפּ.

אַן אַלטער גריעכישער פילאָזאָף זאָגט: „אום אַלעמען צו גע־

פעלען, מוז מען זיין א פאסטעטע (א פלייש־קוכען), אדער א זיסער זויין". וואהרשיינליך איז דער געשמאק פון די אלטע גריעכען גאנץ פערשיעדען פון אונזער געשמאק געוועזען; ווייל היינט ליע־בען דאס רוב מענשען ביידע זאכען ניט; אבער ווי די זאך איז, די פרוי, פון וועלכע מיר ריידען דא, איז אלעמען געפעלען, די קינדער און די אלטע, די יונגע בעלי־עבירות, וואס זוכען אין דער פרוי נאר די בעפריעדיגונג פון זייערע גראבע תאוות, און די איג־טעליגענטע מענער, וואס זוכען נאר דעם גייסט פון דער פרוי צו ערפארשען. אונזער פרוי האט אלעמען צופרידען געשטעלט, ער־פילט אלע פאדערונגען, וועלכע מען האט איהר געשטעלט, מיט אלעמען האט זי געקענט פריינדשאפט שליסען און האט איבעראל געקענט ליעבע ענטפלאמען. יעדער איינער, וואס האט מיט איהר גערעדט, האט אין איהר געפונען דאס, וואס ער האט אין זיך זעלבסט ניט בעזעסען און וואס ער האט קיינמאל ביי אנדערע ניט געפונען, און אלע, יעדער איינער, דורך א בעזונדערען מאטיוו, האבען מיט פרייד און מיט ליידענשאפטליכען פערלאנגען און פער־שידענע טאנארטען אויסגערופען: „אה, ווארום בין איך ניט איהר זוהן, איהר ברודער, איהר געליעבטער, איהר פאטער!"

און דאך איז זי ניט געוועזען קאקעט, דורכאויס ניט; און האט קיינמאל ניט געמאכט די גרינגסטע אנשטריינגונג אימיצען צו גע־פעלען. זי איז תמיד געוועזען גלייך אין איהרע וועלט־אנשויאונגען, אין איהר פיהלען, דיינקען און האנדלען, און דאס איז געוועזען ניט איהר פערדיענסט און אויך ניט איהר שולד. זי איז געוועזען סימ־פאטיש, ווי די ראזע פול מיט אראמאט, ווי דער הימעל בלוי און ווי דער גראז גרין און פריש.

איך האב די דאזיגע פרוי געקענט, ווען איך בין נאך א יונגער אינגעל געוועזען, און ווי טויזענד אנדערע בין איך אין איהר פערליעבט געוועזען. אבער אלס יונגער אינגעל מיט א שטארקע נייגונג צום פסיכאלאג אין הארצען, פלעג איך מיך שטענ־דיג פרעגען: וואו ליעגט דער גרונד פון דעם שטארקען און גע־היימניספולען צויבער, וועלכען די דאזיגע פרוי איבט אויס אין א גלייכער מאס אויף אלעמען?

און מיר שיינט, אז איך האב דעם דאזיגען גרונד אין צוויי זאכען געפונען: אין איהר קערפער און אויך אין איהר נשמה: איהרע געזיכטסציגען זיינען ניט רעגעלמעסיג געווען, דער קאליר פון איהר הויט האט געהאט די גראהליכע בלייכקייט פון ערד, אבער איהרע אויגען, אך, איהרע אויגען, זיינען געווען א מין קאליידעסקאפ און האבען ביי יעדער געמיטהס־בעוועגונג געוועקסעלט זייער ליכט און פארב. ווי אין א קאליידעסקאפ שפיעלען און וועקסלען זיך די זיעבען נאטור־פארבען, אזוי האבען זיך אין איהרע אויגען געוועקסעלט אין טויזענד פארבען און טאגען אלע איהרע געדאנקען און געפיהלען; באלד האבען זיי דיך אוועקגעטראגען אין די גרינקייט פון א וואלד, און באלד האבען זיי דיך אויפגעהויבען צו דער בלאהקייט פון הימעל; באלד האבען זיי דיך דערווארעמט צווישען די ראזען פון לעבען, און באלד האבען זיי דיך אוועקגעפיהרט אין די געהיימניספולע לאבירינטען פון דער וועלט. יענע אויגען האבען דיך צערטליך געלאשצעט, זיי האבען דיך געפיהרט, פונקט ווי זיי וואלטען דיך געהאלטען ביי דער האנד, און האבען דיך צום סוף אומגעארעמט. אין יענע מאמענטען האסטו געמוזט פיהלען, האס דיין נשמה האט זיך מיט א שוועסטערליכע נשמה פעראייניגט, א שוועסטער, וואס פערשטעהט דיך, וואס פיהלט מיט דיר מיט, אדער זי בעוואונדערט דיך, און זאגט דיר מיט איהר שטומע, אבער ווארעמע, שפראך: „איך בין ביי דיר, רייד, איך פערשטעה, איך רייד, ווייל דו געפעלסט מיר!“

די דאזיגע זעלטענע אייגענשאפט פון איהרע אויגען האט מערקווירדיג גוט הארמאנירט מיט דער אייגענשאפט פון איהר געדאנקען־וועלט. זי האט געהאט די פעהיגקייט אויפ'ן ערסטען בליק אין אלע הערצער צו לעזען. זי האט געקענט לעזען די ערסטע נשמה־בעוועגונגען פון א קינד אזוי גוט ווי די לעצטע שמערצען פון א גרייז־גראהען מאן; אלעס האט זי פערשטאנען און אלעס האט זי געקענט פערצייהען, אלעמען האט זי געלאשצעט און אלעמען האט זי געליעבט. די מענשליכע נשמה, אין אלע איהרע געהיימניסען, אין אלע איהרע בעוועגונגען און אין אלע איהרע פינסטערניסען, איז פאר איהר געווען אן אפענעס בוך, אין וועלכען זי

האט אויפ'ן ערסטען בליק געלעזען און האט קיין פעהלער געמאכט. קוים האט זי 'מיט ווענען עס איז א האלבע שטונדע גערעדט, האט זי שוין זיינע וואונדען און זיינע שעהנקייטען דערקענט. די ערסטע האט זי תמיד זיך געמאכט ווי ניט זעהענדיג, אבער די צווייטע האבען איהר פרייד געמאכט און זי האט שטענדיג איהר פרייד אפען ארויסגעוויזען. יעדער איינער, וואס האט מיט איהר גע־רעדט. האט זיך זעלבסט געזעהען אין אזא שפיעגעל, וואס ציינט איהם שעהנער, בעסער און גייסטרייכער. ווען מיר האבען אין איהר געזעלשאפט פערבראכט, האבען מיר אלע זיך געפיהלט צו־פרידענער מיט זיך זעלבסט, פונקט אזוי ווי איהר גוטסקייט און איהר חן וואלט אין אונז איבערגעגאנגען, און ווייל זי פלעגט שטענ־דיג א פריינדליכען שמייכעלע אויף איהר פנים טראגען, פלעגען אלע, וואס זיינען פון איהר נאך דער אונטערהאלטונג אוועקגע־גאנגען, נאך א לאנגע צייט דעמזעלביגען פריינדליכען שמייכעלע אויף זייערע געזיכטער טראגען.

אלס זי איז שוין א צייטיגע יונגפרוי געווארען, האבען פיעלע געזוכט איהר הארץ און איהר האנד צו ערווערבען; אבער זי האט איהר הארץ און האנד אוועקגעגעבען דעם, וועלכען איהר מוטער האט פאר איהר ערוועהלט, ווייל דער ראטה פון איהר מוטער, וועלכע זי האט געליעבט ווי איהר אייגענעם לעבען, איז פאר איהר ענטשיידענד געוועזען. ער איז גראדע ניט געווען דער שעהנסטער, דערפאר אבער דער רייכסטער און ערנסטער, וועלכער האט געגלויבט, דאס ער האט אויסגעפונען אלע איהרע מעלות. זי האט מיט איהם געהייראט, איידער זי האט געוואוסט וואס ליעבע איז. זי האט דאס אויך ניט געוואוסט פיעלע יאהרען נאך איהר הייראט מיט איהם און איז איהם דאך א טרייע ווייב געוועזען, ווייל זי האט געפיהלט דאס זי איז איהם שולדיג איהר דאנקבאר־קייט דערפאר, וואס ער האט זי רייך געמאכט, און אויך דערפאר, וואס דורך איהם איז זי געווארען די מוטער פון צוויי קינדער, א אינגעל און א מיידעל. אלס איהר טאכטער איז אויסגעוואק־סען, האט זי זיך פערליעבט אין א מארקיז, א געפערהליכער דאן זשואן, וואס האט זעהר פיעל גליק געהאט ביי די ליעבע־שמאכ־

טענדע פרויען דורך זיין שעהנהייט און דורך דעם צויבער פון זיין הויכער אינטעליגענץ.

דער דאָזיגער מארקיז האָט זעהר פיעל געררייזט איבער פער־שיעדענע אייראָפּעאישע לענדער, און איבעראַל האָט ער איבער די שוואכע פרויענהערצער געזיעגט. די פון הייסער תאוה ברענענדיגע פרויען אין אנדאלוזיען האָט ער אין שטורם גענומען, און די פעסט־פערשלאָסענע שלאָפצימערען פון די פרומע „ליידיעס“ האָבען זיך שטענדיג פאַר איהר ברייט געעפענט; ער האָט דורכגעמאכט אַלע ווילדע הוליאנקעס מיט די פאַריזער שעהנהייטען, און אויך די פרישע און נאאיווע טעכטער אין די שווייצערישע אַלפּען האָבען איהם מיט פריידען זייער „האָניג“ אָוועקגעגעבען. ער האָט זיך מיט רעכט געקענט בעריהמען, דאָס ער האָט די זיסקייטען פון אַלע בלומען פון דער ווייבליכער וועלט פול און גאַנץ גענאָסען. און דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געפונען יענע פרוי, וועלכע פער־איינעגט אין איהר וועזען אַלע סימפּאטיען, אַלע פערשיעדענע ארטען פון דעם ווייבערשען שמייכעלע און אַלע צויבערהאַפטע רייצען פון דער ווייבערשער נשמה. ער איז ענדליך געקומען צו דער איבער־צייגונג, דאָס ער האָט אין זיין פיעלבעוועגטען לעבען זעהר פיעל בעגעהרט, זעהר פיעל גענאָסען, אָבער קיינמאָל ניט געליעבט, ביז ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט דער מ ו ט ע ר פון דער ט אָ כ־ט ע ר. וואָס האָט זיך אין איהם פערליעבט, און ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער ליעבט די מוטער מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין נשמה, און צום ערסטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער בעגריי־פען די טיעפע אָבגרונדען פון דער ליעבע. און אין דעם שטראָם פון דער דאָזיגער ליעבע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען מיט אַלע זיינע חושים מיט דער גאַנצער קראַפט פון א נייע ליידענשאַפט, וועלכע האָט פאַר איהם געהאַט די בעדייטונג און דעם רייץ פון יונגפרויי־ליכע, ערפרישענדע און בעגליקענדע ליעבע, וועלכע ער האָט ביי אַנדערע פריהער ניט געפונען, און דערפאַר זיינען זיי איהם אַי־בערדריסיג געוואָרען.

זי, די מוטער, האָט זיין ליעבע אָנגענומען און האָט איהם מיט ליעבע ערווידערט. אויך זי האָט צום ערשטען מאָל גע־

ליעבט און האָט זיך אין דער ליעבע היגגעגעבען ניט פּרעגענדיג, צי איז דאָס אַ זינד, אָדער אַ פערברעכען. זי האָט דערביי ניט געפיהלט קיין געוויסענסביסע און קיין אַנגסט. עס האָט איהר ניט געקימערט וואָס זי איז די געזעצליכע פרוי פון איהר מאַן, און וואָס זי איז שוין די מוטער פון אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אין דער ליעבע איז זי נאָר אַ יונגפרוי געוועזען, און קיין פרוי קען ניט שטאַרבען בעפאָר זי האָט איינעם געליעבט.

זי האָט גאָר ניט געפיהלט די נויטיגקייט איהרע געפיהלען צו איהר מאַן אומצובייטען. פאַר איהם איז זי געבליבען דיזעלביגע, וואָס זי איז פריהער געוועזען: די זעלביגע דאַנקבאַרקייט, די זעלביגע ערגעבענהייט, די זעלביגע פריינדשאַפט; פאַר דעם מאַרקיז האָט זי געווידמעט איהר גאַנצע ליעבע, איהר גאַנצעס „איך“.

די ליעבע פון דעם מאַרקיז צו איהר האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט ענדיגען און דער פייער פון דער דאָזיגער ליעבע האָט אין איהם קיינמאָל ניט געקענט אויסגעלאָשען ווערען; ווייל דער קוואַל, פון וועלכען זיין ליעבע האָט אין רייכע שטראָמען צו איהר געפלייצט, איז ניט געוועזען אַ קוואַל פון גראָבע טהיערישע תאוה, אויך ניט די לוסט פון פלייש צו פלייש; דאָס, וואָס עס האָט איהם צו איהר געצויגען און מיט איהר אַזוי איינג פערבונדען, איז געוועזען אַ מין פערגעטערונג, אַ מין פערעהרונג, אַ מין בעוואונדערונג פון דעם שמייכעלע, יענעם אָריגינעלען שמייכעלע, וואָס מאַכט די פרוי בעגעהרענסווערטה, וואָס רופט אַרויס צו איהר אַלע סימפּאַטיען, אַלע שעהנקייט פון די געדאַנקען און געפיהלען.

און דאַרום זיינען זיי קיינמאָל ניט געזעסען, ווען זיי זיינען אַליין געוועזען, נאָהענט איינער צום אַנדערען, און נאָך וויינ‍יגער איינער אין די אָרעמס פון ווייטען. שטענדיג, ווען זיי זיינען אַליין געוועזען, איז ער געשטאַנען אויף די קניע איהר צופוסען און האָט מיט אַ מין הייליגע בעגייסטערונג אַרויפגעקוקט צו איהר, אין דער צייט, ווען זי האָט זיך מיט זיין האָאַר געשפּיעלט.

איינמאָל, אין אַ געוויסען טאָג, אַלס זיי זיינען אין דערזעלביגער שטעלונג געוועזען, האָבען זיך אין צווייטען צימער טריט געלאָזט הערען, און וועהרענדביידע האָבען געגלויבט, דאָס איהר

מאַן געפינט זיך ווייט אין שטאָדט, האָט ער געהאַלטען ביים אריינ־געהן אין איהר בודואר.ביידען איז זיין גאַנג זעהר גוט בעקאַנט געוועזען.

דער מארקיז האָט זיך האַסטיג געוואָלט פון זיין קניהענדער שטעלונג אויפהויבען, אָבער זי האָט אין א בעפעהלענדען טאָן צו איהם געזאָגט:

— ריהר זיך ניט, לאָז מיך דיך רעטען!

איהר מאַן איז אין בודואר אריינגעקומען.

דער מארקיז, ניט אַכטענדיג איהר בעפעהל צו בלייבען אין זיין קניהענדער שטעלונג, האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע קרעפטען, אום אויפצושטעהן, אָבער זי האָט מיט גוואַלד איהם געצוואונגען צו בלייבען שטעהן אויף זיינע קניה און זיך ווענדענדיג צו איהר מאַן, האָט זי צו איהם געזאָגט:

— ווייסט, מיין ליעבער מאַן, וואָס דער הערר מארקיז האָט איצט פון מיר פערלאַנגט?

איהר מאַן איז געוועזען ווי בעטויבט און האָט קיין ענטפער ניט געקענט געפינען.

— ער האָט ביי מיר געבעטען ד י ה אַ נ ד פ ו ן אוּנ־ז ע ר ט אָ כ ט ע ר. וואָס זאָגסטו דערצו?

* *

*

דער מאַן האָט דאָס געגלויבט און האָט זיך גליקליך געשעצט פון זיין טאָכטער א מארקיזין צו מאַכען, און די מוטער איז געוועזען גענוג עהרענהאַפט, איהר ליעבעס פערהעלטנים מיט דעם מארקיז אָפּצוברעכען.

און דער מארקיז האָט בעקומען די טאָכטער, א יונגע, יונג־פרויליכע ווייב, וועלכע האָט אין זיך בעזעסען פיעלע פון די מעלות פון איהר מוטער און האָט מיט איהר גליקליך געלעבט.

די ליידען און פריידען פון אַן עלענדער מיידעל

ווי די „ווארהייט“ האָט אַדווערטייזט דעם בוך „אוים דעם טאָגעבוך פון אַן עלענדער מיידעל“.

האָט איהר זיך פערטראַכט אַמאָל וועגען דעם לעבען פון די טויזענדער און טויזענדער אידישע אימיגראַנטען־מיידלאַך, וואָס קומען אַריבער פון דער אַלטער, ליעבער היים צו זוכען אין דער נייער, פרייער וועלט אַ זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, אַ לעבענס־פריינד וואָס זאָל זיי געבען גליק און ליעבע.

האָט איהר זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אין אייער געדאַנק אַ טראַכט צו טהון ווי אַזוי די אַלע מיידלעך, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען אָהן עלטערן און אָפטמאָל אָהן פריינד — לעבען דאָ אין דער ריעזיגער, אייביג־רוישיגער שטאָדט, ווי אַזוי זיי פערברענגען אין זייערע בעדרומקעס, און וואָס זיי האָבען איבערצולעבען, איבערצוטראָגען, איבערצופיהלען?

ווייסט איהר, אַז פילע פון די עלענדע מיידלעך לעבען איבער שטילערהייט און פערבאָרגען פון יעדען אויג די טיעפסטע זעעלען־ליידען און טראַגעדיעס, אַז צווישען די איינזאַמע ווענד פון זייערע ציכטיגע בעדרומקעס צאַפּלען זיי זיך און שמאַכטען און האָבען אָנצופיהרען די העלדישסטע קעמפּפע?

אויב איהר ווילט זיך מיט אַלעמען בעקענען, אויב איהר ווילט האָבען פאַר זיך אַ קלאָהרע, לעבעדיגע, רעאַליסטישע שילדערונגען אוים דעם לעבען פון די אידישע און איינזאַמע מיידלאַך אין ניו יאָרק, דאַן לעזט

אוים דעם טאָגעבוך פון אַן עלענדע מיידעל

פון מרים קאַרפּילאָוו

דער בוך האָט ארויסגערופען אַ געוואַלדיגע אינטערעסע צווישען אַלע קלאַסען לעזער, מיר האָבען געקראָגען הונדערטער ליעב־בריעף פון מענער און פרויען, פון יונגע און עלטערע, פון פיינשמעקער אין ליטעראַטור און פון אַזעלכע וואָס האָבען גלאַט ליעב צו לעזען שפּאַנענדע און אָטהעם־פערכאַפּענדע שילדערונגען.

דיזער בוך עלעגאַנט געבונדען אין סילק קלאָטה קאָסט

בלויז $1.00.

צו בעקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען, און ביי

S. Kantrowitz, 129 Lafayette St., New York.

מיינונגען פון לעזער וועגען דעם „טאגעבוך פון אן עלענדער מיידעל“.

איך האף, אז איהר וועט מיר געבען א שטיקעל פלאץ אויסצודריקען מיין מיינונג וועגען דער „עלענדער מיידעל“ פאר וועלכער מיין בעגייסטערונג איז אונאויסדרוקבאר.

איך וויל זיך ניט אפשטעלען אויף קיין ציטאטען, וועלכע זיינען ווי פערעל צושאטען דא און דארטען, און שיינען מיט חכמה און געזונדען פערשטאנד.

איך וויל זיך אויך ניט אפשטעלען אויף די פאטאגראפיען, וועמענס געזיכטסציגע זיינען אזוי בולט, אז מען קען זיי אזש מיט׳ן האנד אנגעהמען.

איך וויל אויך ניט אריינרעכענען די פסיכאלאגישע אנאליזען, וועלכע די „עלענדע מיידעל“ מאכט איבער יענעם און, צו גלייכער צייט איבער זיך אויך, דאס לאז איך איבער די לאגישע קריטיקער, און זיי וועלען אלעס אנאליזירען און זייער עהרליכע מיינונג געבען. איך אלס א לעזער, וויל נאר ריידען פון דאס גאנצע און אויף וויפיעל מעגליך מיין מיינונג געבען.

ס׳איז צום בעוואונדערען, ווי לאגיש, קלוג און קורץ די פאקטען ווערען איבערגעגעבען. אפען. און אין דערזעלבער צייט קלינגט דאס מיט ריהרענדער צניעות. נאך קיינמאל האט קיין שרייבער ניט ארויסגעזאגט דעם אמת׳ן אמת, ווי אונזער „עלענדע מיידעל“. און קיין מאהל איז דער אמת און די ווארנונג דורך איהר ניט געוועזן אזוי אריינדרינגענד ווי יעצט, און ווער שמועסט נאך דא אין דעם „עולם ההפקרות“ וואו אויף שריט און טריט געגענט מען אן די „צודי נפשות“, און עס דרינגט נאך וואס וויטער דער „הפקר“ אין עולם, איז אודאי ניט מעהר ווי רעכט אז איינע פון אונזערע גוטע אידישע טעכטער האט זיך געשטעלט אויף דער וואך אום „מחזיר עטרה ליושנת“ זיין.

מיט אמת׳ער פרייד און דאנקבארקייט קען איך זאגען דער שריוי־בערין: „לכי בכחך זה“.

איך, אלס מאן, קען נאר מיין ברכה געבען, אז „ירבו כמותה בישראל“ והלואי שירבו, וועלען מיר פילייכט זיך אומקעהרען צוריק צו אונזערע טהרות, גוף, נפש, ומשפחה.

מיט דאנקבארקייט און אכטונגספאל,

א. אסטראווסקי.

(אין „ווארהייט“, דינסטאג, דעם 13טען פעברואר).

איך קען ניט צוריקהאלטען מיין ענטציקונג און אויך מיין דאנק צו שוועסטער מרים קארפילאוו, פיר איהר געניאלען שרייבען אוים דעם „טאגעבוך פון אן עלענדער מיידעל“. ווען אלע לעזער וואלטען עס אזוי ווי איך פערשטאנען, דאן וואלט מען די שריוי־בערין מיט בלומען פערווארפען. ווי נאטור־טריי זי כאראקטעריזירט דעם מאן. וועלכע פרוי האט אזעלכע אטאקעס ניט דורכגעלעבט? עס איז אזוי איינפאך און יעדעס ווארט אזוי נאהנט צום הארצען.

מרס. האדעל שטיין,

22 דריטע עווע., לאנג בראנטש.